STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04823

VOS MISHEL DERTSEYLT--

M. Zeldow

Permanent preservation of this book was made possible
by Philip Garoon
in memory of
Ilene Garoon

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

משה זעלדאוו / וואס מישעל דערציילט...

משה זעלדאָוו
(מ. גאָלדין)

וואָס מישעל דערציילט...

מעשהלעך און לעגענדעס

פּאַריז 1960

אַרויסגעגעבן צו דער ערשטער
יאָרצייט פון משה זעלדאָוו

הילע און צייכענונגען פון
משהקע באַהעלפער

צייכענונגען אויף זייטן:
21, 36, 62, 117 און 121
פון מרים קאַץ

אויסגעזעצט פרייוויליק דורכן זעצער-פּערסאָנאַל פון דער
„נייע פּרעסע״: העלפגאָט, וואָלפאַס, ווייַן און קאַץ.

פאַרענדיקט צו דרוקן אין פעברואַר 1960,
אין דער דרוקערײַ ס. אי. פּ. נ.
14, רי דע פאַראַדי, פּאַריז (10).

M. ZELDOW :

Vos Michel derzeilt...

Ce que Michel raconte...

Contes et légendes.

PRINTED IN FRANCE

Tous droits réservés. Copyright by « Ofsnaï » and Mme M. Zeldow, Paris.

Imprimerie S.I.P.N., 14, rue de Paradis, PARIS-Xe



משה זעלדאָוו
1959 — 1901

אינהאַלט:

זייט

י. ספּעראַ: צום אָנדענק פון משה זעלדאָוו 7

1. מיר זיינען דאָ!

ביים באַלטישן ים 13
איז געווען אַמאָל אַ פּאַסטוכל 16
די געלע לאַטע 20
זשאַקלין פייערט איר געבוירנטאָג אַנדערש ווי אַלע קינדער . . 23
יאָסעלע ווערט אַ פאַרבינדלער 26
אויף די פּאַריזער באַריקאַדעס 28
דער יונגער העלד פון וואַרשעווער געטאָ 30

2. היים און וועלט

דער טעם פון ערד 35
די העלדישע לערערין 38
דער אַלטער קאַמונאַר 40
אַזוי שפּילט מען אין שלום 43
שיין ווי די וועלט און גוט ווי די מאַמע 45
בערעלע שטיפער מאַכט אַ סורפּריז 47
דער דערטרונקענער אוצר 49
פאַרוואָס באַקומען זיי מעדאַלן? 51
אַ בריוו פון אַ ווייטן לאַנד 53
דאָס פייגעלע האָט מיר דערציילט 55
דער קליינער העלד פון כפר תבור 57
דאָס בלינדע ייִנגל איז צוריק געוואָרן זעעוודיק 59
דאָס רומענישע פּאַסטוכל 61
דער גוטהאַרציקער יצחק לייבוש פּרץ 64
מין־לאַי און זיין זינג־פייגעלע 67
אין האָלאַנד אויף אַן אינדזל איז אַ ווינטמיל געשטאַנען . . . 69

3. מיט די כישוף־פליגלען פון וואָרט

מיט די כישוף־פליגלען פון וואָרט 75
דאָס וווּנדערלעכע פּייפּעלע 77
דער אַלטער מאַן און זיין געמעל 78
דער קלעזמער און דער ווינט 81
די קעניגין און דער ערלעכער געלערנטער 83
דער קלוגער פּאַסטוך 85
דער פּרינץ, וואָס האָט געזוכט די נעכטיקע טעג 87
דער האַלצהעקער, דער וואָלף און די זון 89
דער כיטרער פוקס און די שטילע פיש 91
די כעלמער פליגלדיקע וואָסערמיל 94
דער אַלטער פאָלקס־דיכטער דערציילט 97
הער זיך צו צום געזאַנג פון שלום 99

4. לויט אַלטע יידישע אגדות

דער טויט און דאָס לעבן איז אין מאַכט פון דער צונג 103
וואָס די מאַמעס האָבן געענטפערט דעם קריגערישן קעניג . . . 105
דער דאַנקבאַרער לייב 107
משה באַשטראָפט דעם רייכן קורח 109
וואָס מען דערציילט וועגן רב הלל 112
דער גרויסער געלערנטער רבי עקיבא און דער יידישער העלד בר כוכבא 114

אויסשפּראַך פון העברעאישע ווערטער, וואָס קומען פאָר אין בוך . 123

משה זעלדאָוו

משה זעלדאָוו געהערט צו דער גענעראַציע יידישע אינטעליגענטן פון די קליינע ליטווישע שטעטלעך, וועלכע איז געוואָרן „דערוואַרעמט" און אינספּירירט אויף לאַנגע יאָרן דורכן נאָבעלן שיין פון דער גרויסער אָקטאָבער־רעוואָלוציע אין רוסלאַנד פון איין זייט, און וואָס האָט פון דער צווייטער זייט, אין די ענגע ראַמען פון דער קליינער מלוכה, אונטערן דרוק פון דער ליטווישער רעאַקציע, אויפגעבויט און אַנטוויקלט אַ בריייט־פאַרצווייגט געזעלשאַפטלעך און קולטורעל יידיש לעבן, וואָס איז געוואָרן איינע פון די שענסטע בלומען אין יידישן גאָרטן צווישן די ביידע וועלט־מלחמות.

ער איז געבוירן אין 1901 אין אַ קליין ליטוויש שטעטל ווילקאָמיר (אוקמערגע). זיין טאַטע האָט געדאַרפט ווערן אַ רב. אָבער ער האָט נישט געוואָלט אָננעמען קיין כסא הרבנות, נישט לעבן פון קהלשע געלטער. איז ער געוואָרן אַ קאַסירער אין אַ יידישער באַנק. זיין מאָגערע אָנגעשטעלטן־שכירות האָט אים נישט געשטערט אָנצושטרענגען אַלע כוחות, כדי צו געבן משהן אַ גוטע בילדונג. דער חדר, אַ יאָר ישיבה אין סלאָבאָדקע, די גימנאַזיע — אַלץ צוזאַמען האָט צונויפגעשטעלט דעם גייסטיקן באַגאַזש פון משהן, וואָס האָט פון די קינדער־יאָרן אָן אַרויסגעוויזן אַ גרויסע ליבע צום לייענען ביכער, און — ווי נאָר ער איז געוואָרן אַ ביסל עלטער — צום פאַרנעמען זיך מיט קינדער. דאָס זיינען שטענדיק געווען די צוויי „שוואַכקייטן" פון משה זעלדאָוו. נאָך גאָר אַ יונגער בחור, מיט צוואַנציק צי איין און צוואַנציק יאָר, פירט ער שוין אָן מיט אַ יידישן קינדער־הויז. די זכרונות פון דער ערשטער דערציערישער טעטיקייט, פון זיינע ערשטע שפּאַצירן מיט קינדער אין די טונקל־גרינע

ליטווישע סאָסנע־וועלדער און ביי די ברעגעס פון ניעמען און ווילייע זיינען אויף תמיד געבליבן ביי אים לעבעדיק. נאָך צענדליקער יאָרן שפּעטער געפינט מען זייער אָפּקלאַנג אין אַ סך פון זיינע מעשהלעך*).

אין 1919 דערשיסן ליטווישע פאַשיסטן זיין ייִנגערן ברודער צופּעליק אויף אַ מיטינג וועגן דער ייִדישער וועלטלעכער שול. די ליטווינער האָבן דערהערט דאָס וואָרט „רוסיש" — אַ בולטער סימן פון קאָמוניזם. אַ שיסעריי און דאָס ייִנגל פאַלט אַ קרבן. דאָס לאָזט איבער אַ טיפן איינדרוק אויף משהן און פלאַנצט אין אים איין פון די ייִנגסטע יאָרן אַ האַס צום פאַשיזם און אַ גרויסע ליבע צו די ליידנדיקע פאָלקס־מאַסן. אַזוי שמידט זיך אויס דער ייִדישער פּראָגרעסיווער פאָלקס־אינטעליגענט. אַזוי נעמען זיך אויך אויסשיילן זיינע גרונט־מידות פון אַ גוטן פּעדאַגאָג, אַ קינדער־לערער, אַ ליטעראַטור־קענער, שפּעטער־צו אויך אַ שפּראַכן־קענער און בעיקר אַ פלאַמיקע איבערגעגעבנקייט צו אַלץ, וואָס האָט אַ שייכות מיטן פאָלק, זיין שפּראַך און זיין קולטור.

אין 1923 גיט זיך זעלדאָוו איין צו קומען קיין פראַנקרייך לערנען אין דער סאָרבאָנע. ביי טאָג אַרבעט ער אין די אויטאָמאָביל־פאַבריקן פון רענאָ און אין אָוונט שטודירט ער. שפּעטער אַרבעט ער ווי אַ טיפּאָגראַף אין דער דרוקעריי פון דער רוסישער צייטונג „פּאָסלעדניע נאָוואָסטי".

שוין אַלס פּעדאַגאָג, פאָרט ער אויף אַ באַזוך קיין בּיראָבּידזשאַן, און קומט אין 1936 צוריק קיין פראַנקרייך. ווידער שטודירט ער אין דער סאָרבאָנע, וווּ ער באַקומט גאָר גיך זיין דיפּלאָם פון אַ לערער פאַר פראַנצויזישער שפּראַך און קולטור אין אויסלאַנד. ער שליסט זיך אָן אין די רייען פון דער פּאַריזער קולטור־ליגע, ווו ער איז לאַנגע יאָרן אַקטיוו טעטיק ווי אַ רעפערענט איבער קולטור־פראַגן און ווידער אַ מאָל איז זיין „ליבלינג" — דער פּעדאַגאָגישער אונטערריכט אין ייִדיש און פראַנצויזיש. ער איז אויך מיטגרינדער פון ליטווישן „פּאַטראָנאַט". (אָרגאַניזאַציע צו העלפן פּאָליטישע אַרעסטירטע אין ליטע).

אין פּאַריז אין 1937 באַגעגנט ער מאַדלען, אַ יאָר שפּעטער האָבן זיי חתונה.

ווען היטלער באַזעצט פּאַריז, איז משה זעלדאָוו מיט זיין טרייער באַשיידענער לעבנס־באַגלייטערין מאַדלען נישט געוואָרן קיין „עמיגראַנט" קיין שווייץ, פּאָרטוגאַל און אַנדערע גוטע ערטער, וווּ געוויסע אַנגעזעענע בירגערלעכע כלל־טוער האָבן געפראַוועט „רעזיסטאַנס". ער בלייבט אין פּאַריז און העלפט זייער ענערגיש מיט אַרויסצוגעבן די אונטערערדישע

*) זע צ״ב דאָס מעשהלע „ביים באַלטישן ים", זייט 13.

„נייע פרעסע״ אונטער פארשידענע נעמען. אפטמאל פלעגט מען טאקע ביי אים אין שטוב רעדאגירן און צונויפשטעלן די צייטונג. ער מיידט נישט אויס אפילו א קורצן „וויזיט״ קיין דראנסי, פון וואנען ער ראטעוועט זיך ממש דורך א נס. מיט איין ווארט: ער זופט אויס אלע צרות פון דעם בעכער, וואס מען האט אונטערגעטראגן אין יענע צייטן א יידן, אן אויסלענדער דערצו נאך, און א פראגרעסיוון טוער.

נאך דער באפרייאונג ווערט משה זעלדאוו סעקרעטאר פון דעמאלט געשאפענעם קולטור־פארבאנד. ער שרייבט איינצייטיק ארטיקלען אין דער „נייע פרעסע״, וו ער איז זינט 1947 אונטערן פסעוודנים מ. גאלדין, איינער פון די רעדאקטארן. א געוויסע צייט אין אנהייב פון די 50־ער יארן איז ער ליטעראַרישער רעדאקטאר פון דער צייטונג, שפעטער ביז צום סוף פון זיין לעבן — רעדאקטאר פון דער פאריזער זייט. אבער זיין הויפט־אויפמערקזאמקייט, זיין ליבע טראגט ער דער עיקר אריבער אויפן דורך אים טאקע געשאפענעם „קינדער־ווינקל״, וואס דערשיינט יעדע וואך אין דער „נייע פרעסע״ און וואס איז גאר גיך באקאנט און באליבט געווארן ביי די לייענער פון דער צייטונג. זייער פיל יידישע קינדערלעך, שוין איינגעווארצלטע פלאנצונגען אויפן פראנצויזישן באדן, קענען אויסגעצייכנט דעם רעדאקטאר „מישעל״, וועלכער דערציילט זיי פארדעם אויף יידיש און שפעטער־צו אויף פראנצויזיש די אנצאליקע יידישע קינדער־מעשהלעך, די פארשידנארטיקסטע פאסירונגען, די גלייך־ווערטלעך און אגדות פון קאלירפולן באצויבערנדיקן יידישן פאלקלאר.

ביי זעלדאוון זיינען אבער די צונויפגעקליבענע מעשהלעך נישט סתם מעכאנישע איבערטראגונגען. ער מאכט זיי איבער, קארעגירט זיי און פארפלאנצט זיי אין היגן לעבנס־גארטן, כדי זיי זאלן זיין נענטער, היימישער און קרוב לאמתדיקער פאר זיינע קליינע לייענער. די העלדן זיינען: „בערעלע שטיפער״ אדער „זשאקלין״ פון די צונויפגעזאמלטע קינדער־מעשהלעך, לעבן שוין נישט אין ווילקאמיר, אדער פאנעוויעזש, נאר אין פאריז און נאנסי. זיי האבן שוין צו טאן מיט אן אנדער אק־טואליטעט און לעבנס־שטייגער. אבער זעלדאוו באמיט זיך, לויט זיינע כוחות, און דאס גיט זיך אים אויך גאנץ פיין איין, זיי „אנצושטעקן״ מיט דער ליבע צו זייער אפשטאם, צו די אלטע גוטע מנהגים, צום פיינעם יידישן הומאר, און צום קאמף פאר א שענערער וועלט.

טראץ זיין קראנקייט און פיזישער אויסגעשעפטקייט פארלאזט זעל־דאוו־גאלדין אויף קיין איין טאג נישט די רעדאקציע־ארבעט, וועלכע ער זעצט פאר מיט התלהבות, מסירת נפש, דינענדיק דער זאך פון שלום און פראגרעס. ער ווייסט גאנץ גוט, אז די שווערע לאסט מינעוועט אים אונטער, נאר צעשיידן זיך מיט איר וויל ער נישט און קען נישט.

ווען עס פּאַסירט דאָס שרעקלעכע אומגליק און ער ראַנגלט זיך אין די קאָנוולסיעס פון אַ פּלוצלומדיקער בליצשנעלער מוח־אָנצינדונג, שאַרט ער זיך מיט די לעצטע כוחות צו די ווענט פון דער רעדאַקציע. און מיר, די אַרומיקע, די איבערראַשטע און דערשלאָגענע, די פיר מיטרעדאַקטאָרן, וועלכע זיינען אַראָפּגעגאַנגען מיט אים צוזאַמען פון אַ זיצונג: קעניג, ווילנער, הירש און איך, — מיר שטייען אַרום אים און בלוט טריפט פון אונדזער האַרצן.

מיטן טויט פון זעלדאָוו איז אָוועקגעריסן געוואָרן, פּריצייטיק, גרויליק, אַ מיטקעמפּער אונדזערער, אַ האַרציקער פאָלקס־אינטעליגענט, אַ פּעדאַגאָג, אַ זשורנאַליסט, אַן ערלעכער, טיף ערלעכער פּראָגרעסיווער טוער, אַ טייער שטיינדל פון דער צעבראָכענער, צעשאָטענער, ברילִיאַנטענער קרוין פון דער יידישער ליטע.

צום פּאַראייביקן זיין אָנדענק דערשיינט איצט, אויף דער איניציאַטיוו פון זיין טרייער לעבנס־באַגלייטערין, מאַדלען, פון דער רעדאַקציע „נייע פּרעסע" און פון פּעדאַגאָגישן ראַט ביי דער צענטראַלער קינדער־קאָמיסיע אָט די זאַמלונג פון זיינע מעשהלעך, אָריגינעלע און איבערדערציילטע, לויט אגדות, וועלכע זיינען אויסגעקליבן געוואָרן צווישן די הונדערטער און הונדערטער דערציילונגען, וואָס זעלדאָוו האָט געשריבן במשך פון יאָרן וואָך נאָך וואָך.

זאָלן יידישע קינדער און יוגנטלעכע לייענען די אינעם ביכל צונויפגעזאַמלטע מעשהלעך. זאָלן יידישע עלטערן זיי פאָרלייענען פאַר זייערע קינדער. און אַלע צוזאַמען וועלן זיי דערמאָנען מיט אַ גוט וואָרט, אַ ליבן שמייכל דעם ליכטיקן אָנדענק פון משה זעלדאָוו, דעם רעדאַקטאָר גאָלדין, דעם קינדער־רעדאַקטאָר מישעל.

י. ספּעראַ

מיר זײַנען דאָ!

ביים באַלטישן ים

דאָס איז געווען מיט יאָרן צוריק אין דער ליטע. אין אַ הייסן זומערדיקן אָוונט בין איך אַרויסגעפאָרן אויף אַ פראַכט־שיף מיט אַ גאַנצער גרופּע קינדער אויף אַ ווייטער רייזע איבערן ברייטן און גרינעם ניעמען־טייך. מיר זיינען געפאָרן ביז צום האַפן פון דער שטאָט קלייפּעדע, ווו דער טייך ווערט אַלץ ברייטער און פאַלט אַריין אין די צעכוואַליעטע געזאַלצענע וואַסערן פון באַלטישן ים.

עס איז געווען אַ נאַכטישע שיף־רייזע, וואָס האָט זיך געצויגן לאַנגזאַם און שטיל אונטערן געוועלב פון טיף־בלויען, אויסגעשטערנטן הימל. אַ בלאַסע לבנה האָט אונדז באַלויכטן דעם וועג און אונדז געצויבערט מיט אירע זילבערדיקע שפּילערייען אויף די כוואַליעס פון טייך.

אָט זיינען מיר צוגעקומען מיט אונדזער שיף צו אַ ברעג. אַ וואַלד פון סאָסנעס און פון דעמבן. אייניקע ווייסע בעריאָזקעס. ס׳איז מיטן נאַכט. קיינער שלאָפט נישט. אַלע הערן מיר זיך צו ווי פאַרכישופטע צום געזאַנג פון סאָלאָוויי. מיר טרוימען אויף דער וואָר. אַ באַצויבערטע וועלט. אַרום און אַרום געדיכט־צעצווייגטע ביימער, וואָס שפּיגלען זיך אין לבנהדיק־זילבערדיקן וואַסער און אינעם כישופדיקן ליד פון סאָלאָוויי.

מיר פאַרמאַכן די אויגן אויף אַ מינוט, נישט מער. און נאָך טיפער פאַרנעמען אונדזערע אויערן און אונדזער גאַנץ געמיט די שטים פון דער נאַטור, דאָס מורמלען פונעם וואַסער, דאָס שעפּטשען פונעם שטילן ווינט און דאָס געזאַנג פון סאָלאָוויי.

אַזוי פאַמעלעך און שטיל, נאָכפאָלגנדיק דעם וואַסער־שטראָם, זיינען מיר אָנגעקומען צו אַ קליינעם פישער־דאָרף ביים ים־ברעג. אַ דאָרף פון נידעריקע ווייסע כאַטעס, פאַרבאַהאַלטן אין שאָטן פון אַ געדיכטן וואַלד.

אָט דאָ, אין פישער־דאָרף, האָבן מיר באַשטימט צו פאַרברענגען אונדזערע וואַקאַנסן.

אַ הויכער, גוטמוטיקער פישער מיט בלויע פֿאַרטרויערטע אויגן האָט אונדז אָפּגעגעבן זיין גרויסן שייער, וווּ עס האָט געשמעקט מיט נאָר וואָס אָפּגעשניטענעם היי. דאָ האָבן מיר גענעכטיקט. דעם גאַנצן טאָג האָבן מיר פֿאַרבראַכט ביים ים, אויף דעם זאַמדיקן ברעג. אונטער־צייט פֿלעגן מיר זיך אַלע צונויפֿזאַמלען ביים שייער אַרום פּראָסטע דעמבענע טישן, אין שאָטן פֿון אַן אַלטן דעמב.

דאָס איז געווען די שעה פֿון דערציילן געשיכטעס און מעשיות. פֿון געזאַנג, פֿון שפּילן אויף די מאַנדאָלינעס און גיטאַרעס, פֿון איציקלס קאָנצערטן אויף זיין האַרמאָניקע און אויך פֿון אָפּט גאָר ערנסטע שמועסן, שמועסן וועגן לעבן און גליק.

עס איז דעמאָלט אויסגעטראַכט געוואָרן אַ נייע שפּיל: „אויפֿן צימבל". אַלע פֿלעגן זיך אויסזעצן אַרום און אַרום אין אַ קרייז. יעדער איינער, איטלעכער אין זיין ריי, פֿלעגט אוועקגיין אין אַ זייט, ביים

וועלדל צו די גלי־ווערעם... און ווען ער פֿלעגט צוריקקומען, פֿלעגט מען אים „בעמען אויפֿן צימבל". מען פֿלעגט אים שטעלן פֿראַגן וועגן זיך אַליין און ער האָט געדאַרפֿט ענטפֿערן אויפֿריכטיק און ערנסט און יעדן ענטפֿער באַגרינדן, דערקלערן פֿאַר וואָס און פֿאַר ווען.

דאָרט זיינען געווען קינדער פֿון צוועלף ביז פֿופֿצן יאָר און יעדעס קינד האָט געטראָגן אין זיך זיין טיפּסטן באַגער, זיין אידעאַל.

— וואָס וואָלסטו געוואָלט זיין, ווען דו וועסט זיין אַ גרויסע? האָט מען געפֿרעגט רחלען, אַ מיידל פֿון אַ יאָר 13 מיט לאַנגע, שיינע צעפּ און טיפֿע שוואַרצע אויגן.

— אַ לערערין. ניין, אַ קינדער־גערטנערין.

— פאַרוואָס? און רחלע האָט דערקלערט, פאַרוואָס זי וואָלט געוואָלט דערציען גראָד די קליינע קינדער, די קלענסטע.

איציקל וויל זיין אַ מוזיקער. אַלע פאַרשטייען עס זייער גוט. ווער האָט אזוי גוט געקענט אויסשפילן די לידער אויף דער האַרמאָשקע ווי ער?

בלומע וויל זיין אַ דאָקטאָרין. היילן קראַנקע. איר פאָפאַ איז געשטאָרבן. איר מאַמע איז שטענדיק קראַנק.

יאָסעלע וויל זיין אַן אינזשעניער פון אַוויאָנען.

— אַוויאָנען? וואָס, דו ווילסט אומברענגען מענטשלעכע לעבנס? וואַרפן באָמבעס אויף שטעט און דערפער?

— ניין, ענטפערט יאָסעלע. איך וויל פליען פון איין עק וועלט צום צווייטן ווי אַ פויגל, פריי. איך וויל, פאַרקערט, מיט אַלע מענטשן אין דער גאַרער וועלט ווי אַ ברודער צו אַ ברודער זיין.

— און אַז עס וועט אויסברעכן אַ קריג?

יאָסעלע האָט אויף דער פראַגע נישט געענטפערט. ער האָט זיך פאַרקלערט.

דערווייל איז אויפן צימבל גענומען געוואָרן דער קלענסטער פון אַלעמען, מאָטעלע, אַ זשוואַווע ייִנגל מיט שטיפערישע אויגן. מאָטעלע האָט גלייך געזאָגט: „איך וויל זיין אַ פרעזידענט".

— אַ פרעזידענט?

— יאָ, אַ פרעזידענט. איך וואָלט קיינמאָל נישט דערלאָזט צו קריג.

— און מיר, די פשוטע בירגער, פרעזידענט, וואָלטן דיר מיטגעהאָלפן — האָבן די קינדער געזאָגט און זיך פונאַנדערגעלאַכט.

●

זינט דעמאָלט זיינען יאָרן אַוועק. פאַשיזם, היטלעריזם, בלוטיקער קריג, פאַרוויסטונג. דער גרינער ניעמען איז רויט פון מענטשלעכן בלוט געוואָרן. ווער פון די קינדער, וועגן וועלכע איך דערצייל, איז לעבן געבליבן? — ווער און וויפל?

אָבער געבליבן איז זייער אידעאַל: ליבשאַפט, חברשאַפט און שלום.

איז געווען אַמאָל אַ פּאַסטוכל...

איז געווען אַמאָל אַ יונג פּאַסטוכל. האָט דאָס פּאַסטוכל געפּ־טערט שעפּעלעך אויף די גרינע לאָנקעס פון די בערגלעך און טאָלן, צופוסנס פון די הויכע שניי־באַדעקטע בערג. און ליב געהאַט האָט דאָס פּאַסטוכל צו ליגן אויפן גראָז מיט די אויגן צום הימל־געוועלב, אין שאָטן פון אַן אַלטן בוים און צו קוקן ווי עס פליען די וואָלקנס. מיט די וואָלקנס, באַזונדערס ווען זיי זיינען געווען לייכטע און באַגילדעטע מיט זוניקע שטראַלן, פלעגט דאָס פּאַסטוכל זיך אַוועקלאָזן אויף ווייטע, גאָר ווייטע רייזעס, איבער יענער זייט פון די הויכע שנייאיקע באַרג־שפּיצן, אַט דאָרטן, ווו עס באַהאַלט זיך די זון, ווען עס קומט אָן די נאַכט.

איין מאָל, אין אַ גאָלדיקן זומער־אָוונט, איז דאָס פּאַסטוכל געוואָרן אַזוי פאַרלאָקט פון די העלע, מיט זון באַברעמטע וואָלקנס, אַז ער האָט גאָרנישט באַמערקט, ווי איינס פון זיינע שעפּעלעך, אַ ווייס און געקרייזלט, איז אַוועק אויף אַ זייטיקן שטעגל, וואָס פירט דורך געדיכטע קוסטעס און צעצווייגטע בלעטער־ביימער אַרויף, צו די בערג.

דאָס פּאַסטוכל האָט נישט באַמערקט, ווי עס איז פאַרשוווּנדן דאָס שעפּעלע, אָבער דערפילט האָט עס גאָר שנעל דעם שעפּעלעס מאַמע. זי האָט אויפגעהויבן אַ גרויסן געליאַרעם. זי האָט זיך צעמעקעט מיט אַזאַ צעצויגענעם, ווייטיקלעכן מע־מע־מע, אַז דאָס פּאַסטוכל האָט אָפּ־געוואָנדט זיינע באַצויבערטע, בלויע אויגן פון די גאָלדיק־געברעמטע וואָלקנס און אַ קוק געגעבן אויף דער שעפּסן־סטאַדע, אַט צו יענעם אָרט, ווו ס'האָט אַזוי ווייטיקלעך געמעקעט די מאַמע פון פאַרלוירענעם שעפּעלע.

און באַלד האָט דאָס פּאַסטוכל פאַרשטאַנען, וואָס עס האָט פּאַסירט. ער האָט אַלע זיינע שעפּעלעך ליב געהאַט, אָבער מער ווי אַלע — דאָס קליינע, ווייסע שעפּעלע, וואָס איז אים פאַרלוירן געגאַנגען.

ראַפּטום האָט זיך דאָס פּאַסטוכל אויפגעשטעלט און מיט זיין פייפל זיך גענומען רופן און שאַלן אין אַלע זייטן. אויף די בערגלעך, אין די טאָלן, ביז גאָר הויך צו די שנייאיקע באַרג־שפּיצן האָט זיך צעטראָגן

דאָס שאַלן און רופן פון פּאַסטוכל. עס האָט אָפּגעהילכט דער עכאָ פון וועלדל צו וועלדל, אָבער דאָס פאַרבלאָנדזשעטע שעפעלע האָט נישט געענטפערט.

דאָ באַמערקט דאָס פּאַסטוכל דעם שעפעלעס פוס־טריט אין זאַמדיק־שטיינדלדיקן שטעגל, וואָס פירט צו די באַרג־שפּיצן. ער נעמט אין האַנט אריין זיין סוקעוואַטן שטעקן און שנעל נעמט ער זיך שפּרייזן באַרג־אַרויף. ער שלייכט זיך, ער צעראַצט זיך זיינע הענט, זיינע באָרוועסע פיס, אָבער ער שטעלט זיך נישט אָפּ. ער גייט פאָרויס, כסדר פּאַריכ. נאָך די פוס־טריט פון זיין פאַרבלאָנדזשעטן שעפעלע.

אָט איז שוין דאָס פּאַסטוכל אריבערגעשפּרונגען דאָס שטראָמיקע, לויטערע וואַסער, וואָס פליסט פון די שניי־שפּיצן; אָט איז ער שוין פון וואַלד־געדיכטעניש אַרויס. עס זיינען שוין דאָ איצט בלויז איינצלנע ביי־



מער. א בלויע סאָזשלקע, אין וועלכער עס שפּיגלט זיך די זון, פאַרלאָקט אים מיט איר צעשטראַלטקייט און בלענדיק־ווייס זיינען די הויכע שניי־איקע באַרג־שפּיצן הינטער דער סאָזשלקע.

דאָס פּאַסטוכל איז שוין מיד פון לויפן באַרג־אַרויף. ער זעצט זיך צו אָ מינוט אָפּצוכאַפּן דעם אָטעם. ער טרינקט פון לויטערן אייזיק־קאַלטן וואַסער־שטראָם און אָט וויל ער זיך שוין אויפשטעלן צו לויפן נאָך ווייטער, נאָך העכער, אָבער פּלוצים האָט ער דערהערט א מענטשן־שטים, דאָס געוויין פון אָ קליין קינד. האָט ער אָ קוק געטאָן צו דער זייט, פון וואַנען עס איז געקומען דאָס קינדערשע געוויין. ער האָט נישט

2

געזען קיינעם, אָבער דאָס געוויין איז געוואָרן שטאַרקער און אין דעם געוויין — אַ וויג־ליד:

אײלע ליולע, אײלע ליולע,
שלאָף, מיין טייערער, אין רו.

דאָס פּאָסטוכל האָט, דערהערנדיק דאָס געוויין און דאָס האַרציקע ליד, זיך געלאָזט גיין אַהינצו, פון וואַנען עס איז געקומען דאָס געזאַנג. ער האָט שוין נישט געטראַכט איצט וועגן זיין פאַרלוירן שעפעלע. עס האָט אים געצויגן צום קינד, צום מאַמע־געזאַנג. ער האָט זיך דערמאָנט אין זיין אייגענער מאַמען, וועלכע פלעגט אים אָפט ביים לייגן שלאָפן זינגען לידער, אזעלכע זיסע און כישופדיקע, אַז זיי פלעגן אים גאָר אומבאַמערקטערהייט אַוועקפירן אין קעניגרייך פון שלאָף און פון טרוים.

דאָס פּאָסטוכל איז אַרויפגעקלעטערט אויף אַ בערגל, לינקס פון דער זילבער־בלוילעכער סאַזשלקע, און אויסגערופן מיט זיין הילכיקער שטימע:

— אַ! ווער איז דאָ?!

און זיין שטים האָט אָפּגעהילכט אַרום און אַרום, אָבער נאָך איידער ער האָט באַקומען דעם ענטפער, האָט ער דערזען, ווי פון הינטער אַ דיקן בוים איז אים אַרויס אַנטקעגן אַ יונגע פרוי מיט אַ געקאַרבטן שטערן. אין אירע אָרעמס האָט זי געטראָגן אַ קליין קינד. אירע שוואַרצע אויגן זיינען געווען גרויסע און שיינע, נאָר זייער פאַרטרויערטע, ווי זיי וואָלטן געווען זיין פאַרצויגן מיט אַ כמאַרע.

ווי נאָר דאָס פּאָסטוכל האָט זי דערזען, האָט ער פאַרשטאַנען, אַז ס'איז געשען מיט דער פרוי אַן אומגליק. „זי האָט זיכער פאַרבלאָנדזשעט" — האָט ער געטראַכט.

— פאַרבלאָנדזשעט? — פרעגט ער די פרוי.

— ניין, ליבער פּאָסטוכל, איך בין נישט פאַרבלאָנדזשעט. איך בין אַנטלאָפן. איך בין אַנטלאָפן פון שטעטל, וואָס ליגט צופוסנס פון אַנטקעגנדיקן באַרג.

— אַנטלאָפן? פאַרוואָס? מען האָט דיך געוואָלט שלאָגן? — פרעגט דאָס פּאָסטוכל.

די מאַמע האָט אַ קוק געגעבן אויף איר יינגעלע, וואָס איז געשלאָפן אין אירע אָרעמס, אַ זיפץ געטאָן און דערציילט דעם פּאָסטוכל, אַז באַגינען, מיטן זון־אויפגאַנג, זיינען אין שטעטל, וווּ זי האָט זיך אויסבאַהאַלטן פון די היטלעריסטן, אָנגעקומען שוואַרצע עס-עס. זיי האָבן געזוכט יידן און וועמען זיי האָבן נאָר געפונען, אפילו פּיטשינקע קינדערלעך, האָבן זיי אויפגעלאָדן אויף זייערע לאַסט־אויטאָס און אַוועקגעפירט אין אַ לאַגער.

זי האָט געהאַט צייט צו אַנטלויפן הינטער דעם גאָרטן פון שטוב, נאָר עס האָט זיך איר געדוכט, אַז מען יאָגט איר נאָך. איז זי געלאָפן

און געלאָפן, ביז זי איז אָנגעקומען אַט דאָ, גאָר הויך, צופוסנס פון די שנייאיקע בארג־שפיצן.

דאָס פאַסטוכל האָט שוין איצט גאָר אין גאַנצן פאַרגעסן אין זיין פאַרלוירן שעפעלע.

— קומט — זאָגט ער — מיט מיר. ביי מיין מאַמען אין שטוב וועט איר זיין. מיין מאַמע איז אַ גוטע.

און דאָס פאַסטוכל, צוזאַמען מיט דער יידישער מאמען און מיט איר קליין יינגעלע האָבן זיך שוין גענומען אַראָפּלאָזן אַראָפּ־צו פון די

בערג, צום פאַסטוכלס סטאַדע, מיטן זעלבן שטיינדלדיק־זאַמדיקן שטעגל, מיט וועלכן ער איז געקומען.

פלוצים הערן זיי אַ גלעקל־געקלאַנג, נישט איין גלעקל, נאָר פיל גלעקלעך האָבן זיך צעקלונגען אלץ שטאַרקער, אַלץ הילכיקער.

— נישט ווייט פון דאַנען פיטערט מען קי — האָט געזאָגט דאָס קליינע פאַסטוכל. לאָמיר גיין צו די קי, וועלן מיר טרינקען מילך, פאַר־בייסן ווייסן קעז. מיר וועלן זיך דערקוויקן. וועלן מיר זיין קרעפטיקער.

אַזוי גייענדיק נאָך די גלעקל־געקלאַנגען פון די קי, האָט דאָס פאַסטוכל דערהערט זיין שעפעלעס קול: מע! מע! מע!

דאָס פאַסטוכל האָט פון פרייד אַ פייף געטאָן מיט זיין פייפל און נאָך הילכיקער און פריידיקער האָט אים אָפגעענטפערט זיין שעפעלעס מעע! מעע!

אַ שעפעלע אַריין, אַ שעפעלע אַרויס, די מעשה איז אויס.

די געלע לאַטע

עס זייַנען דאָ מענטשן, וואָס האָבן פאַרגעסן, אַז מיט יאָרן צוריק האָט היטלער געצוווּנגען אַלע יידן אָנצוטאָן אויף דער ברוסט אַ געלע לאַטע, אָבער זשאַנעט געדענקט עס זייער גוט. זי איז נאָך דעמאָלט געווען גאָר אַ קליין מיידעלע. נישט קיין פולע פיר יאָר אַלט, אָבער פונדעסטוועגן געדענקט זי זייער גוט, ווי איר עלטערע שוועסטער זשינעט האָט געוויינט, ווען זי איז געגאַנגען צום ערשטן מאָל אין שול מיט דעם גרויסן געלן שטערן אויף איר שוואַרצן שול־פאַרטוך. אָ, זי געדענקט זייער גוט יענעם טאָג: מיטאָג־צייט איז צוזאמען מיט זשינעטן געקומען איר לערערין, די מאַדאַם מאַזרען. זשאַנעט האָט זיך גראָד געשפּילט מיט איר ליאַלקע און זי פאַרוויגט מיט אַ וויג־ליד, וואָס די מאַמע האָט ליב געהאַט צו זינגען:

שלאָף מיין טייערע, מיין ליבע,
מאַך די אויגן צו און רו,
ווייל איז דעם, וואָס האָט אַ מאַמען
און אַ וויגעלע דערצו.

זי געדענקט זייער גוט, ווי די לערערין האָט זיך צעקושט מיט דער מאַמען; זי געדענקט, ווי די לערערין האָט געבעטן דער מאַמען, זי זאָל איר געבן אַ געלן שטערן און באַלד האָט זי אים צוגעשפּיליעט צו איר טונקל־בלויען מאַנטל.

מיט יאָרן שפּעטער, ווען זי, זשאַנעט אַליין, איז שוין געגאַנגען אין דער גרויסער שול, דאָס איז שוין געווען נאָך דער באַפרייאונג, נאָכדעם ווי זי איז צוזאמען מיט דער מאַמען און מיט זשינעטן צוריקגעקומען פון דאָרף, ווו זיי האָבן זיך אויסבאַהאַלטן פון דער נאַצישער פּאָליציי, האָט זי ווידער געזען די לערערין, מאַדאַם מאַזרען, אָבער זי האָט זי קוים דערקענט. אירע האָר זייַנען געווען גרוי, איר געזיכט איז געווען געל און פול מיט קנייטשן. מען האָט דערציילט, אַז אין דער זעלבער וואָך, ווען מען האָט געצוווּנגען די יידן אָנצוטאָן די געלע לאַטע, איז די

JUIF
JUIF
Marie

לערערין, מאַדאַם מאַזרען, געוואָרן אַרעסטירט און איינגעזעצט אין דער פעסטונג פון ראַמענוויל.

שפעטער האָט מען זי דעפּאָרטירט צוזאמען מיט נאָך פיל פראַנצויזישע פרויען־ווידערשטענדלערינס אין לאַגער פון אוישוויץ. זי איז געווען איינע פון די געציילטע, וואָס זיינען פון דאָרט צוריקגעקומען. אָבער זי איז געווען קראַנק און אויסגעמאַטערט. נישט געקוקט אויף דעם, האָט זי באַלד, ווי נאָר די כוחות האָבן איר דערלויבט, זיך ווידער גענומען צו איר אַרבעט אין דער שול.

— — — — — — — — — — — — —

מאדאם מאזרען איז געווען זייער באַליבט ביי אַלע קינדער און ביי די עלטערן. מען פלעגט זי איינלאַדן אויף די פייערונגען פון די געבורטסטעג און עס איז געווען אַ גרויסע פרייד, ווען די לערערין פלעגט ענטפערן אויף דער איינלאַדונג. ביי זשאַנעטן אין שטוב, ווו מען האָט גוט געדענקט, ווי די לערערין איז געקומען צו זיי אין שטוב אין דעם פינצטערן טאָג פון דער געלער לאַטע, פלעגט מען זי איינלאַדן אויף אַלע פאַמיליע־פייערונגען און עס האָט זייער זעלטן פאַסירט, זי זאָל נישט קומען.

זשאַקלין פֿייערט איר געבוירנטאָג אַנדערש ווי אַלע קינדער

לעדעס יאָר, ווען עס קומט דער חודש פעברואַר און מען גרייט זיך צו פייערן דעם געבוירנטאָג פון דער קליינער זשאַקלין, האָט ליב איר מאַמע צו דערציילן, ווי אַזוי זי איז אין די מלחמה־יאָרן געראַטעוועט געוואָרן, צוזאַמען מיט איר מיידעלע, פון די נאַצישע מערדער.

דאָס איז געווען אין מיטן פעברואַר 1943. פיל יידישע פאַמיליעס זיינען שוין דורך די נאַציס דעפּאָרטירט געוואָרן.

זשאַקלינס מאַמע האָט זיך דעמאָלט אויסבאַהאַלטן צוזאַמען מיט איר אין א קליינעם בוידעם־שטיבל אויפן זיבעטן שטאָק, אין אַ גרויס הויז, אין אַ פאַרשטאָט פון פאַריז. קיין געלן שטערן אויף איר ברוסט האָט איר מאַמע נישט געטראָגן. וואָלט מען געוווסט, אַז זי איז א יידישע, וואָלט די פאָליצײ זי גלייך אַרעסטירט און אָפּגעשיקט צוזאַמען מיט איר קליינער זשאַקלין אין לאַגער פון דראַנסי.

ניין, איר מאַמע האָט גאָר געטראָגן אַן עכטן פראַנצויזישן נאָמען. מען האָט זי גערופן „מאַדאַם דיראַן". זי האָט, אַדאַנק דער יידישער ווידערשטאַנד־אָרגאַניזאַציע „אוניאָן", באַקומען פאַלשע, נישט־יידישע דאַקומענטן פאַר זיך און פאַר איר טעכטערל און מיט די דאָזיקע דאַקומענטן האָט זי געקענט דינגען דאָס קליינע בוידעם־שטיבל און באַקומען שפּייז־קאַרטן פאַר זיך און פאַר זשאַקלינען.

נאָר איין מאָל, דאָס איז געווען אין מיטן פעברואַר, האָט די פּאָליצײ צוזאַמען מיט דייטשע סאָלדאַטן דורכגעפירט אַ רעוויזיע אין גאַנצן הויז, וווּ עס האָט געוווינט זשאַקלינס מאַמע. גראָד האָבן די פּאַרטיזאַנער געהאַט באַפאַלן יענעם טאָג אַ גאַנצע גרופּע נאַצישע סאָלדאַטן און זיי באַוואָרפן מיט גראַנאַטן. דריי זיינען געווען דערהרגעט. פיל זיינען פאַרוואונדעט געוואָרן. די אַנדערע זיינען געוואָרן אַזוי צעטומלט פון אומ־

געריכטן אָנגריף פון די פּאַרטיזאַנער, אַז זיי האָבן גאַרנישט באַמערקט, ווהין די פּאַרטיזאַנער זיינען אַזוי שנעל זיך צעלאָפן.

ווען די נאַציס זיינען געקומען צו זיך און זיך גענומען יאָגן נאָך די פּאַרטיזאַנער, זיינען זיי שוין געווען אויסגעמישט צווישן די הונדער־טער מענטשן פון גרויסן פּאַריז און ס׳איז נישט געווען מעגלעך זיי צו געפינען.

אָבער די נאַצישע מיליטערישע מאַכט האָט גלייך פּאַראָרדנט, מען זאָל פאַרצוימען אַלע גאַסן פונעם קוואַרטאַל, ווו עס איז פאָרגעקומען

דער איבערפאַל און זי האָט אַרויסגעשיקט פּאָליציי מיט סאָלדאַטן דורכ־פירן אַ רעוויזיע אין אַלע הייזער.

ווען די נאַציס האָבן אָנגעקלאַפּט אין טיר פונעם בוידעם־שטיבל פון זשאַקלינס מאַמע, האָט זשאַקלין נאָך געשלאָפן, אָבער די בייזע, גראָבע שטימען פון די נאַצישע סאָלדאַטן האָבן זי אויפגעוועקט פון שלאָף. זי האָט געעפנט אירע בלויע פאַרחלומטע אויגן און זיך אַזוי דערשראָקן פאַר די פרעמדע, בייזע סאָלדאַטן, אַז זי האָט זיך פונאַנדערגעוויינט.

זשאַקלינס מאַמע האָט זיך נישט פאַרלוירן. זי האָט געוויזן אירע דאָקומענטן. איינער פון די נאַצישע סאָלדאַטן, אַן אונטער־אָפיציר, האָט באַקוקט די פּאַפּירן, דערנאָך איז ער צו צום בעט, אין וועלכן עס איז געלעגן די קליינע זשאַקלין און געפרעגט :

— זאָג נאָר, קליין מיידעלע, ווי רופט מען דיך?

— זשאַקלין — ענטפערט זי.

— זשאַקלין „קאַמאַן”? (און ווי נאָך?) — פרעגט ווייטער דער אונ־טער־אָפיציר.

— זשאַקלין דילאַן — האָט זי געענטפערט.

זי האָט נאָך דעמאָלט נישט געקענט אויסרעדן קיין „ר” און אַלע מאָל האָט זי דעם „ר” פאַרביטן אויף אַן „ל”.

דער נאַצישער אונטער־אָפיציר האָט אָפּגעגעבן דער מאַמען די פּאַ־פּירן און איז אַוועק צוזאַמען מיט זיינע באַגלייטער.

— — — — — — — — — — — — —

זינט נאָך דער באַפרייאונג, ווען עס קומט מיטן פעברואַר, ווען מען פייערט זשאַקלינס געבוירנטאָג און מען צינדט אָן די שיינע, פיל־פאַרביקע ליכטלעך אויף דעם גרויסן לעקעך, פרעגט איר איר פּאַפּאַ, וואָס איז אין 1943 געווען פאַרשפּאַרט הינטער שטעכל־דראָטן אין אַ לאַגער פאַר קריגס־געפאַנגענע:

— זאָג מיר נאָר, קליין מיידעלע, ווי רופט מען דיך?

— „זשאַקלין דילאַן” — ענטפערט זשאַקלין און זי שטעקט בשעת מעשה אַריין איר גראָבן פינגער צווישן אירע ליפּן און זויגט אים ווי אַן אמת עופהלע פון קוים צוויי יאָר אַלט...

יאָסעלע ווערט אַ פאַרבינדלער

דאָס איז געווען אין זומער 1944. די נאַציס זיינען געוואָרן אַלץ מער און מער צעיושעט קעגן די פראַנצויזישע ווידערשטענדלער, קעגן די מאַקיזאַרן, קעגן די פאַרטיזאַנער. אין צפון־פראַנקרייך ביי די בריקן פון לאַמאַנש האָבן געלאַנדעט די אַמעריקאַנער, ענגלישע און פראַנצויזישע טרופּן.

אויפן פראָנט, אין ראַטנפאַרבאַנד, האָט מען די נאַציס, נאָכן גרויסן זיג אין סטאַלינגראַד, נישט אויפגעהערט צו יאָגן און צו טרייבן. די סאָוויעטישע אַרמיי האָט זיך שוין דערנעענטערט צו די גרענעצן פון פּרייסן, פון נאַצישן רייך. אין פראַנקרייך האָבן די פאַרטיזאַנער און די מאַקיזאַרן געפירט אַ באַוואָפנטן קאַמף קעגן דער נאַצישער אַרמיי. יעדעס מאָל, ווען זיי האָבן זיך דערוווּסט, אַז נאַצישע טרופּן ציען זיך צו צפון, צוהילף זייער אַרמיי, זיינען די פאַרטיזאַנער זיי באַפאַלן, אַפגענומען ביי זיי דאָס געווער און גענומען געפאַנגען די נאַצישע אָפיצירן און סאָלדאַטן.

די נאַציס און די פראַנצויזישע היטלעריסטן, די מיליציאָנערן, האָבן מיט נאָך מער פאַרביסנקייט באַקעמפט די ווידערשטענדלער, די פראַנצויזישע פּאַטריאָטן. זיי האָבן דורכגעפירט פיל אַרעסטן, געשאָסן, געפייניקט די העלדישע קעמפער, וועלכע זיינען אַריינגעפאַלן אין זייערע הענט. די נאַצישע אַרמיי האָט אין יענע טעג אין שטעטל אָראַדור, ביי לימאָזש, פאַרברענט אין דער קירך לעבעדיקערהייט פיל פרויען און קינדער.

יאָסעלע איז שוין דעמאָלט אַלט געווען אַ יאָר צוועלף.

און איין מאָל איז געקומען צו זיין מאַמען אַ יונגע, בלאָנדע פרוי און איר געזאָגט, אַז מען האָט אַרעסטירט אין ליאָן דעם פאַראַנטוואָרטלעכן אָנפירער פון דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג, זשאַן. מען האָט תּיכּף געדאַרפט וועגן דעם צו וויסן געבן די אַלע, וועלכע זיינען געווען מיט אים אין פאַרבינדונג, ווייל ס'איז געווען אַ געפאַר, אַז אויך זיי זאָלן אַרעסטירט ווערן. זי האָט געזאָגט יאָסעלעס מאַמען, אַז זי אַליין וואָלט עס געגרן געטאָן, אָבער די גאַסן זיינען אַרומגערינגלט דורך דער מיליץ און די

נאַציס. עס איז פאַראַן בלויז איין עצה, פּרובירן זיך דורכרייסן דורך זיי־ער אַרומרינגלונג.

יאָסעלע האָט געהערט וואָס די בלאָנדע פרוי האָט געזאָגט. און ער האָט זיך אָפּגערופן: „גיט מיר אַ קריגל מיט מילך, אַ ברויט און איך וועל שוין געפינען אַ מיטל איבערצוגעבן וועגן אַרעסט פון זשאַנען".

די מאַמע האָט זיך געקווענקלט. זי האָט מורא געהאַט פאַרן לעבן פון איר קינד. אָבער יאָסעלע האָט איר פאַרזיכערט, אַז טאָמער וועט ער זען, דאָס ער קען נישט דורכגיין דורך דער אַרומרינגלונג, וועט ער זיך תיכף צוריקקערן אין שטוב.

יאָסעלע האָט גענומען אונטערן אָרעם אַ ברויט, אַ קריגל מילך און איז אַראָפּ פון די שטיגן, אַריבער דעם טראָטואַר און אַוועק צום ראָג פון געסל, ווו זיי האָבן געוווינט.

דעם מיליציאָנער, וואָס האָט אים פאַרהאַלטן, האָט ער געזאָגט, אַז ער איז געשיקט געוואָרן פון זיין מאַמען איינקויפן ברויט מיט מילך. (ער האָט אים געוויזן אפילו די ברויט־קאַרטע און די מילך־קאַרטע) און דער מיליציאָנער, וועלכער האָט אים אָנגעקוקט מיט אַ בייזער מינע, האָט אים דורכגעלאָזט.

אַזוי איז יאָסעלע געגאַנגען פון געסל צו געסל, פון גאַס צו גאַס און איבערגעגעבן וועגן אַרעסט פון זשאַנען.

זשאַן איז נישט געבליבן לאַנג אין תפיסה, ווייל ווען דער שעף פון דערווידערשטאַנד־באַוועגונג האָט זיך דערוווסט, אַז די נאַציס קלייבן זיך פאַרן פאַרלאָזן די שטאָט צו דערשיסן די אַרעסטירטע פּאַטריאָטן, האָט ער זיי געוואָרנט, אַז אַלע געפאַנגענע נאַצישע אָפיצירן און סאָלדאַטן וועלן דערפאַר באַצאָלן מיט זייער לעבן.

די נאַציס האָבן דאָס מאָל געמוזט נאָכגעבן, זיי האָבן באַפרייט די אַרעסטירטע.

יאָסעלען האָט מען איצט גערופן נישט אַנדערש ווי „העלדישער פאַר־בינדלער".

אויף די פּאַריזער באַריקאַדעס

דאָס איז געווען אין יאָר 1944. די דייטשן זיינען אַנטלאָפן פון פּאַריז. אויף די גאַסן זיינען געווען אויסגעלייגט איבער דער גאַנצער ברייט, גרויסע, גרינע ביימער. געווען זיינען אויך באַריקאַדעס, געמאַכט פון ברוק־שטיינער. מען האָט נישט געוואָלט, די דייטשן זאָלן קענען אַנטלויפן. מען האָט געוואָלט אַלעמען נעמען אין געפאַנגענשאַפט.

איך האָב אַליין געזען, ווי מען האָט געכאַפּט צוויי דייטשן.

זיי זיינען ביידע געפאָרן אין אַן אויטאָ. קומען זיי צו צו דער הויפּט־גאַס, וואָס פירט צום גרויסן וועג, וואָס גייט צו מעץ און שטראַסבורג.

זעען זיי, דער וועג איז פאַרצוימט: צוויי גרויסע ביימער און דערצו אַ באַריקאַדע פון שטיינער. זיי פּרובירן זיך אויסדרייען אין אַ זייטיק געסל און זיך פון דאָרטן לאָזן פאָרן דורך אַן אנדער וועג. אָבער פּונקט, ווען זיי דרייען אויס די רעדער, קומען צוויי מענער און צוויי יונגע פרויען. זיי שטעלן אויס זייערע ביקסן און זאָגן צו די דייטשן: „קאַפּוט!"

— הייבט אויף די הענט! אַרויס פון אייער אויטאָ! איר זייט געפאַנגען, זאָגט אַ יונגע, ברונעטע פרוי.

— וואָס?! — זאָגט איין דייטש און ער שטעקט אריין די האַנט אין קעשענע ארויסצונעמען זיין רעוואָלווער צו שיסן, נאָר עס האָט נישט געדויערט קיין איין סעקונדע האָט מען אים אַנטוואָפנט. דער צווייטער דייטש, אַן אונטער־אָפיצער, האָט באַלד אויפגעהויבן די הענט גאָר הויך און געזאָגט: „קאַפּוט, אַלעס קאַפּוט!"...

— וועט מען אונדז נישט שיסן? — האָט געפרעגט איינער פון די דייטשע געפאַנגענע.

— ניין! מיר זיינען נישט קיין היטלעריסטן. מיר שיסן נישט קיין אנטוואָפנטע קריגס-געפאַנגענע.

אין אַ שעה שפּעטער איז אַנגעקומען א דייטשער טאַנק. ער האָט פּרובירט זיך דורכרייסן דורך דער באַריקאַדע. ער האָט נישט געקענט,

באַר פויזענדיק האָט דער טאַנק געשאָסן לינקס און רעכטס. פּיערא, דאָס ייִנגעלע פון דער פרוי, וואָס האָט גענומען געפאַנגען די ערשטע צוויי דייטשן, איז פאַרוווּנדעט געוואָרן איןביידע פיס. מען האָט אים אויף שנעל אָפּגעפירט אין מעדיציניש פונקט, וואָס איז געווען נישט ווייט פון דער באַריקאַדע, אין דער געביידע פון שול.

מען האָט אים פאַרבונדן, פאַרבאַנדאַזשירט.

עס האָט געדויערט פינף וואָכן, איז ער געזונט געוואָרן. ער גייט און לויפט, ווי ער וואָלט גאָר קיין מאָל נישט געווען פאַרוווּנדעט. נאָר די באַריקאַדעס פון אויגוסט 1944 וועט ער קיין מאָל נישט פאַרגעסן.

ער אַליין האָט עס מיר דערציילט די גאַנצע געשיכטע. זי איז אַן אמתע.

דער יונגער העלד פון ווארשעווער געטאָ

עס איז געווען פאַרנאַכט. די זון האָט זיך שוין אַראָפּגעלאָזט צו דער זייט פון טייך און אים רויט צעפלאַקערט. ס׳איז שטיל געווען. גערעדט האָט די לערערין וועגן וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד, וועגן קאַמף און טויט. טויט אין די פלאַמען פון די אָנגעצונדענע הייזער, אין רויך פון די הייפן, אין דער שטיקעניש פון די אונטערערדישע בונקערס און קאַנאַלן.

— און קיינער האָט נישט אַריבערגעלעבט?

— און די קינדער זיינען אַלע געפאַלן?

די קינדער האָבן געשטעלט פראַגן אויף פראַגן.

די לערערין האָט זיי געענטפערט:

— קינדער, איך האָב אַליין געטראָפן מיט אייניקע חדשים צוריק אַ קינד, וואָס איז געווען אין וואַרשעווער געטאָ, געווען צווישן די קעמפער.

דאָס איז געווען פאַראַיאָרן זומער. ווען איך בין געפאָרן מיט אַ גאַנצער גרופּע קינדער פאַרברענגען די וואַקאַנסן אין פוילן.

אין גדאַנסק האָט מען אונדז פאָרגעשטעלט אַ יונגן, קרעפטיקן בלוי־אויגיקן בחור מיט לאַנגע וויעס, און געזאָגט: אָט איז אונדזער העלד פון וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד, לייבל.

לייבל האָט זיך ווי פאַרשעמט, אַראָפּגעלאָזט זיינע לאַנגע וויעס; ער האָט נישט ליב, מען זאָל אים כסדר אַרויסשטעלן און ער זאָל דאַרפן צום ווייפלטן מאָל זיך נעמען דערציילן זיינע העלדישע טאַטן.

נאָר דאָס מאָל האָט נישט ער דערציילט. וועגן אים האָט דערציילט דער דירעקטאָר פון שול, ווו ער האָט געלערנט.

— לייבעלע איז דעמאָלט אַלט געווען צען יאָר — זאָגט דער דירעקטאָר. — זיין טאַטע און זיין עלטערער ברודער זיינען געווען אויפן דאַך פון אַ הויכן מויער און לייבעלע האָט זיי צוגעבראַכט פון אונטן שפייז און וואַסער און קוילן צו שיסן.

ווען די נאַציס האָבן אונטערגעצונדן דאָס הויז, איז ער צוזאַמען מיט זיין טאַטן און ברודער אַריבער דורך די בוידעמער אויף אַ צווייטן, אַ דריטן און אַ פערטן הויז.

דערנאָך האָט ער צוזאַמען מיט זיי זיך אַראָפּגעלאָזט אין טיפע קע־לערן. דורך די קליינע פענצטערלעך האָבן זיי געלויערט אויף די נאַצישע מערדער, פלעגן אַרויס אין דער נאַכט, באַפאַלן די פּאַטרולן פון די ס. ס.־מערדער. און איין מאָל אין אַ נאַכט זיינען אַרויס זיין טאַטע, זיין ברו־

דער און נישט צוריקגעקומען... לייבעלע איז געבליבן ביי דעם קליינעם פענצטערל לויערן און היטן און וואַרטן...

מיט די לעבנגעבליבענע איז ער דורך אונטערערדישע וועגן שפּעטער אַרויסגעקומען ווייט פון געטאָ, וואָס איז שוין געווען חרוב, פאַרברענט...

מען האָט אים אַוועקגעפירט אין אַ דאָרף, פון דאָרף אין אַ וואַלד, אין אַ געדיכטן וואַלד, צו די פּאַרטיזאַנער. און דאָ ערשט האָט ער אַרויס־געוויזן זיין קלוגשאַפט און זיין אומדערשראָקנקייט.

ער האָט זיך אויסגעצייכנט אין אַזוי פיל אַקציעס און אָפּעראַ־ציעס קעגן פײַנט, אַז ס'איז נויטיק אַ בוך, אַלץ צו באַשרייבן און אַלץ אויסצודערציילן.

לייבעלע איז איצט ביי אונדז אין שול, ווו ער לערנט זיך צו זיין אַ גוטער שיף־קאַפּיטאַן. ער האָט מיר צוגעזאָגט, אַז נאָכן ענדיקן זיין לערע, ווען ער וועט מאַכן די רייזע אַרום דער וועלט אויף דער גרויסער שול־שיף, וועט ער אָנשרייבן אַ בוך וועגן אַלץ, וואָס ער האָט געזען און אויך וועגן אַלץ, וואָס ער און זיינע חברים האָבן אויפגעטאָן.

און זאָל די גאַנצע וועלט וויסן, ווי מוטיק עס האָבן געקעמפט די העלדן פון וואַרשעווער געטאָ, די פּאַרטיזאַנער אין די וועלדער — האָט פאַרענדיקט דער דירעקטאָר פון דער שול.

לייבעלע האָט אַראָפּגעלאָזט זיינע לאַנגע וויעס. ער האָט געשוויגן. נאָר זיינע אויגן און זיין שטאַרקער האַנט־דרוק האָבן געזאָגט: „יאָ, איך וועל דערציילן”.

— — — — — — — — — — — — —

עס איז געוואָרן נאָך שטילער. די זון איז פאַרגאַנגען. אויפן הימל האָבן זיך צעפינקלט די שטערן. די קינדער האָבן זיך נישט גערירט פון די ערטער. אַלע זיינען געבליבן פאַרטראַכט, פאַרטיפט.

די לערערין האָט געזאָגט: קינדער, און איצט לאָמיר זינגען דעם פּאַרטיזאַנער־הימן — „זאָג נישט קיינמאָל, אַז דו גייסט דעם לעצטן וועג”.

די קינדער האָבן זיך אויפגעשטעלט, אַלע ווי איינער. מונטער, זי־כער, האָבן זייערע שטימען געהילכט: „מיר זיינען דאָ!”.

היים און וועלט

דער טעם פון ערד

אַמאָל, מיט עטלעכע און פופציק יאָר צוריק, האָט געלעבט אין פּאַריז אַ ייִנגל מיטן נאָמען פּאָל. ער איז געווען אַן איין און איינציק קינד ביי זיינע עלטערן און זייער געראָטן. האָבן זיי אים שטאַרק ליב געהאַט און געציטערט איבער אים און געפּיעשטשעט און אים נאָכגעגעבן אַלע זיינע קאַפּ־ריזן און פאַרלאַנגען.

פּאָלס עלטערן זיינען נישט געווען זייער רייך, אָבער גאַנץ פאַרמעג־לעך — ביידע זיינען געווען אַרטיסטן אין דער פּאַריזער אָפּערע, האָבן זיי פאַרדינט גענוג געלט צו קענען לעבן גאַנץ ברייט. ערגעץ אין די בערג פון דרום־פראַנקרייך האָבן זיי פאַרמאָגט אַ גרויס דאָרפיש הויז, ווו זיי פלעגן קומען פאַרברענגען יעדן זומער זייערע וואַקאַנסן.

ביי זיי אין הויז האָט געדינט מאַרי, אַ דאָרפישע פרוי, אַן אָרעמע אלמנה, וואָס פלעגט היטן די שטוב אַ גאַנץ יאָר און באַאַרבעטן דעם גאָרטן, ווו עס זיינען געוואָקסן אַלערליי גרינסן און פיל שיינע בלומען.

זומער־צייט, ווען פּאָלס עלטערן פלעגן קומען אַהערצו אויף וואַ־קאַנס, פלעגט זי האָבן פיל מער אַרבעט ווי אַ גאַנץ יאָר. זי פלעגט דאַרפן קאָכן עסן, אויפראַמען די שטוב, באַדינען און נאָך אויפפּאַסן אויפן קליי־נעם פּאָל. פלעגט זי נישט האָבן קיין איין מינוט אָפּרו, ווייל פּאָלס על־טערן פלעגן אויפנעמען פיל געסט און אַלעמען האָט געדאַרפט באַדי־נען מאַרי.

ווען עס זיינען געווען פיל געסט און מען האָט געדאַרפט צוגרייטן גרויסע מאָלצייטן, פלעגט מאַרי לאָזן קומען אין פּאָלס הויז איר ייִנגסטן זון זשאַנאָ, וועלכער איז געווען אין זעלבן עלטער ווי פּאָל. די קינדער פלעגן זיך שפּילן צוזאַמען — פּאָל האָט געהאַט זייער פיל שפּילצייג — און אַ מאָל אויך זיך צעקריגן, ווערן ברוגז, ווי עס טרעפט זיך צווישן קינדער. פּאָל אַלס צעפּיעשטשעט, געראָטן שטאָטיש ייִנגל און נאָך אַ פּאַריזער דערצו, האָט זיך געהאַלטן גרויס און פלעגט אָפּשפּאָטן פון די דאָרפישע ייִנגלעך, וואָס האָבן נישט געוווּסט, וואָס דאָס איז אַ „מעטראָ״

און קיין מאָל אין זייערע אויגן נישט געזען דעם אייפּל־טורעם, דעם לוווּר, די אָפּערע און די בריקן פון דער סען.

איין מאָל, דאָס איז געווען אין אַ זונטיק פאַרנאַכט, ווען מאַרי איז געווען זייער שטאַרק פאַרנומען אין קיך און אין עס־צימער, ווו עס זיי־

נען געווען פיל געסט, איז פאַל אַרויס אין גאָרטן זיך שפּילן מיט איר זון זשאַנאַ. ביידע האָבן געהאַט קייקעלעך. זשאַנאַ האָט געהאַט פּראָס־טע, קייַלעכדיקע שטיינדלעך און פאַל — שיינע באַגילדעטע קייקעלעך פון פּימסן־האָלץ.

גראַד האָט זשאַנאַ געשפּילט אַזוי גוט מיט זײַנע קייקעלעך, אַז ער האָט אַלע מאָל געוווּנען. דאָס האָט פּאָלן זייער שטאַרק פאַרדראָסן, האָט ער זיך געקאָכט און ווען זשאַנאַ האָט געהאַט געוווּנען צום זיבעטן מאָל, האָט ער אים גענומען זידלען און אָפּשפּאָטן פון אים:

— דו ביסט נישט מער ווי אַ פּויער, אַן ערד־פרעסער — האָט מיט צאָרן אויסגעשריגן פּאָל.

— און דו ביסט נישט מער ווי אַן אויסגעפּוצטער, אויסגעכאַליעטער פּראַנטל — האָט אים אָפּגעענטפערט זשאַנאַ.

דערווײַל איז אַרום זיי געוואָרן אַ געזעמל פון דאָרפישע ייִנגלעך, וועלכע האָבן זיך צוגעהערט צו זייער קריגערײַ.

פּאָל האָט זיך אַלץ מער און מער נערווירט און איז געוואָרן אַזוי אויפגעבראַכט, אַז ער האָט אָנגערופן די דאָרפישע ייִנגלעך „כאַמעס”.

די דאָרפישע ייִנגלעך האָבן אים באַלד אָפּגעענטפערט און אים אָנגערופן „פאַרצויגענער בן־יחיד”, „פּוסטער פּראַנטל”.

פּאָל האָט זיך נאָך מער צעבייזערט און ווידער געשריען: „כאַמעס, ערד־פרעסער, גראָבע יונגען, פּויערניקעס”! און אַזוי ווײַטער.

זשאַנאָס עלטערער ברודער איז דעמאָלט צוגעגאַנגען צו פּאָלן, אים אויפגעעפנט זײַן מויל און אים גענומען שיטן אין מויל אַרײַן הויפנס ערד פון נאָענטן פעלד. דערנאָך האָט ער אים געזאָגט:

— דו אומפאַרשעמטער פּאַריזער פּראַנטל, דו פילסט איצט דעם טעם פון דער ערד. זיי וויסן, אַז אָט די מאַמע־ערד שפּייזט דיך, דײַנע עלטערן, אַלע פרײַנד פון דײַן טאַטן און דײַן מאַמען און אַלע פּאַריזער. מיר, די פּויערים, באַאַרבעטן זי, מיר אַקערן און זייען. מיר שנײַדן דעם ווייץ, מיר פּאַשען די קי און די שעפּסן, איר זאָלט האָבן וואָס צו עסן. נאַ, פאַרזוך אַ ביסל פון אונדזער ערד־שפּייזערײַ און פאַרמאַך דײַן צעפּיעשטשעטע מײַלעכל!...

פּאָל האָט שוין מער קיין וואָרט נישט אַרויסגערעדט. אַ פאַרשעמטער איז ער אַרײַן אין שטוב און זיך פונאַנדערגעוויינט אויפן שויס פון זײַן מאַמען.

זײַן גאַנץ לעבן האָט פּאָל פאַרגעדענקט די לעקציע פון די דאָרפישע קינדער. ווען ער איז אויסגעוואַקסן און ער איז געוואָרן אַ באַרימטער שרײַבער און זשורנאַליסט, האָט ער אַלע מאָל פאַרטיידיקט די אַרבעט־מענטשן פון שטאָט און פון דאָרף, וועלכע אַרבעטן און שאַפן די רײַכטימער פון דער וועלט.

די געשיכטע, וואָס איך דערצייל אײַך, קינדער, איז נישט קיין אויסגעטראַכטע. דאָס האָט פּאַסירט מיט פּאָל וואַיאַן־קוטיריע, וועלכער איז שפּעטער געוואָרן דער שעף־רעדאַקטאָר פון דער גרעסטער אַרבעטער־צײַטונג „ל׳הומאַניטע”.

די העלדישע לערערין

אין אַ דאָרף, צווישן פעלדער און וועלדער, ווייט פון די גרויסע וועגן, איז געווען אַ שול פאַר אַלע קינדער פונעם דאָרף און פון די אַרומיקע צעוואָרפענע פערמעס. די שול איז געווען נישט קיין גרויסע, אין גאַנצן צוויי קלאַס־צימערן, אין וועל־כער עס האָבן זיך געלערנט ביי פערציק קינדער.

אויפן הויף פון דער שול, ביי דער אַריינגאַנג־טיר, האָבן צוויי אַלטע דעמבן, וועלכע זיינען פאַרפלאַנצט געוואָרן דאָ אַלס פרייהייט־ביימער נאָך אין דער צייט פון דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, באַצירט די קליינע שול־געביידע מיט זייער גרינער פראַכט און אפילו ווינטער, ווען די דעמבן זיינען געבליבן אָן בלעטער, האָבן זייערע ברייטע, צעצווייג־טע קעפּ צוגעגעבן דער שול־געביידע דעם אָנזען פון אַ הויז, וואָס איז גאָר אַנדערש פון אַלע הייזער פון דאָרף. עפּעס האָט זיך אויסגעדוכט, אַז די גרויסע, אַלטע ביימער זיינען אור־אייניקלעך פונעם לעגענדאַרן בוים פון וויסן, פון וועלכן עס האָבן פאַרזוכט די גאָר ערשטע מענטשן, אדם און חוה.

די קינדער פלעגן קומען אין זייער שול מיט פרייד. זיי האָבן זייער שטאַרק ליב געהאַט זייער לערערין, אַ שטילע, אַ שטענדיק־גוטמוטיקע, יונגע פרוי, מיט העל־בלויע, שמייכלענדיקע אויגן.

סאַראַ שיינע געשיכטעס זי פלעגט דערציילן.

איינמאָל האָט די לערערין דערציילט די קינדער די געשיכטע פון דער פראַנצויזישער העלדין דאַניעל קאַזאַנאָוואַ, וועלכע האָט אָפּגעגעבן איר לעבן פאַרן פראַנצויזישן פאָלק, קעמפנדיק קעגן די היטלעריסטן. אַ צווייט מאָל האָט זי דערציילט וועגן דער רוסישער פּאַרטיזאַנערין זאָיאַ, וועלכע איז פאַרפייניקט געוואָרן דורך די ווילד־צעיושעטע נאַציס דער־פאַר, וואָס זי האָט נישט געוואָלט אַרויסגעבן אירע חברים־פּאַרטיזאַנער.

און אָט האָט פּאַסירט אַזוי, דאָס זי אַליין איז געוואָרן אַ העלדין, געגליכן צו דאַניעלן און צו זאָיאַן:

פלוצים, אין מיטן גרויען טאָג, איז אין דער שול אויסגעבראָכן אַ שרפה. דאָס פייער, וואָס האָט זיך אָנגעצונדן אין קלאָס פון די קליינע, ביי דער וואַנט, אויף וועלכער עס זיינען געהאָנגען די גרויסע געאָגראַפישע מאַפּעס, האָט זיך צעפלאַקערט און געפלאַמט מיט דער שנעלקייט פון אַ וויכער.

גאָר גיך זיינען אַלע ווענט פון קלאַס־צימער אַרומגענומען געוואָרן מיט פייערדיקע צונגען. פיל קינדער האָבן זיך אַרויסגעריסן פון די פלאַמען דורך דער טיר און די פענצטער, אָבער אין קלאָס זיינען געבליבן עטלעכע קינדער, וועלכע האָבן זיך אַזוי דערשראָקן פאַר די כסדר־שטייגנדיקע פייער־פלאַמען, אַז זיי האָבן זיך אין גאַנצן פאַרלוירן און זיך צוגעטוליעט צום ווינקל פון קלאַס און נישט גערירט זיך פון אָרט.

די לערערין האָט זיך דורכן פענצטער, וואָס איז שוין געווען אַרומגענומען מיט פלאַמיקע צונגען, אַריינגעריסן אין ברענענדיקן צימער און אַרויסגעראַטעוועט די קינדער. זי האָט זיי אַרומגעוויקלט מיט דעקעס און מיטן גאַנצן אימפּעט שנעל אַרויסגעוואָרפן זיי דורכן ברענענדיקן פענצטער.

די קינדער זיינען קוים אָנגערירט געוואָרן דורך די פלאַמען, אָבער זי אַליין האָט בעת דער רעטונג פון די קינדער גאָרנישט באַמערקט, ווי די פייער־פונקען האָבן אָנגעצונדן אירע האָר און איר קלייד.

עס האָט געדויערט אַ סעקונדע און די לערערין איז געוואָרן ווי אַ ברענענדיקער שטורקאַץ. אין גאַנצן אַ צעפלאַמטע, האָט זי זיך מיט די לעצטע כוחות אַרויסגעריסן דורך דער איצט שוין אין גאַנצן צעפלאַקערטער טיר.

אַ זייער שווער־פאַרוווּנדעטע, האָט מען זי אויף שנעל אָפּגעפירט אין ווייטן שפּיטאַל, נאָר אויפן וועג האָט די העלדישע לערערין אויסגעהויכט איר לעצטן אָטעם.

אירע לעצטע ווערטער זיינען געווען: „די געראַטעוועטע קינדער לעבן?"

דאָס איז פּאַסירט אין 1955.

דער אַלטער קאַמונאַר

אין מיין לעבן האָב איך שוין פיל מענטשן געטראָפן, פיל מענטשן געקענט, אָבער נישט אַלעמען קען איך פאַרגעדענקען. נאָר איין אַלטן מאַן האָב איך געקענט, וועל איך אים קיין מאָל נישט פאַרגעסן. זען פלעג איך אים בלויז איין מאָל אין יאָר, און צווישן זייער פיל מענטשן, און פונדעסטוועגן געדענק איך אים מער ווי פיל אַנדערע.

דעם אַלטן מאַן, וועגן וועלכן איך וויל אייך דערציילן, פלעג איך זען יאָר־איין, יאָר־אויס אין דער ערשטער ריי פון די פּאַריזער אַרבעטער, וועלכע קומען באַערן די געפאַלענע העלדן פון דער פּאַריזער קאָמונע, ביי דער וואַנט פון פּער־לאַשעז.

דער אַלטער מאַן איז געווען פון מיטעלן וווּקס. אויפן גרויען קאָפּ האָט ער געטראָגן אַ שוואַרצן הוט מיט ברייטע ראַנדן. ער האָט געהאַט בלויע, גוטמוטיקע אויגן און אַ גרויע באָרד, אַרומגעשאָרן רונדיק אַרום און אַרום זיין געזיכט. שטענדיק איז ער געגאַנגען אָנגעטאָן אין אַ שוואַרצן סאַמעטענעם רעקל מיט איין ריי קנעפּ פאַרקנעפּלט ביז צום האַלדז, די הויזן אויך סאַמעטענע און ברייטע.

זיין ליכטיקער בליק, זיין שטאָלצער גאַנג מיטן אַרויפגעהויבענעם קאָפּ, זיין שמייכל און אוודאי אויך זיין קליידונג האָבן אים אויסגעטיילט צווישן אַלע, וועלכע זיינען געגאַנגען אין די פאָדערשטע רייען.

איך האָב זיך נאָכגעפרעגט ווער ער איז, האָט מען מיר געזאָגט, אַז ער איז אַ קאָמונאַר. ער איז נאָך געווען אַ יינגל, ווען עס איז אין פּאַריז, אין 1871, די גאַנצע מאַכט געווען אין די הענט פונעם אַרבעטנדיקן פאָלק. ער איז נאָך דעמאָלט געווען אַ לערניינגל ביי זיין פעטער, דעם בלעכער, און ווען זיין טאַטע איז אַרויס אויף דער באַריקאַדע, טאַקע נישט ווייט פון פּער־לאַשעז, איז ער נישט אָפּגעטראָטן פון אים, און פון זיין פעטער און זייערע חברים. ער האָט זיי צוגעטראָגן ברויט, וויין און קוילן.

זיין טאַטע און זיין פעטער זיינען דערשאָסן געוואָרן דורך די וואַר־סאַילער אין דער בלוטיקער וואָך.

איצט, האָט מען געזאָגט, איז ער שוין אַלט איבער אַכציק יאָר און דאָך גייט ער נאָך פאַרויס מיט א פעסטן, שטאָלצן טראָט.

שוין עטלעכע יאָר ווי איך האָב נישט געזען מער דעם אַלטן גרויען קאָמונאַר אין דעם אויפמאַרש צו דער וואַנט פון פער־לאַשעז. עס קען זיין, האָב איך געטראַכט, אַז ער איז געשטאָרבן אין צייט פון קריג. פיל אַלטע לייט זיינען געשטאָרבן אין יענע יאָרן, ווייל זיי האָבן נישט גע־



קענט אַריבערטראָגן די קעלטן, דעם הונגער און די פיין צו זען פאַריז באַטראָטן דורך די היטלער־מערדער...

און אָט אין אַ העלן פרילינגדיקן טאָג, ווען איך בין אַרויסגעפאָרן אויף אַ שפּאַציר, אין אַ דאָרף אַ גרינעם, נישט ווייט פון פאַריז, האָב איך אים געטראָפן אין אַ גאָרטן ביי אַ קליין שטיבל. ער האָט אָנגעריסן בלו־מען און פון זיי אַ שיינעם בוקעט געמאַכט.

איך האָב אים באַלד דערקענט, כאָטש ער איז געווען אָנגעטאָן אין בלויע אַרבעט־הויזן און אויפן קאָפּ האָט ער געהאַט אַ גרויסן שטרויענעם הוט, וואָס האָט עטוואָס פאַרשטעלט זיין פּנים.

איך האָב אים באַגריסט: אַ גוט־מאָרגן, געערטער קאָמונאַר.

דער אַלטער מאַן האָט מיך אָנגעקוקט עטוואָס פאַרחידושט און מיך איינגעלאַדן צו זיך אין גאָרטן.

מיר האָבן זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ גרינער באַנק, אָנגעלענט אין וואַנט פון זיין קליינעם שטיבל, און דער אַלטער קאָמונאַר האָט מיר דערציילט וועגן די באַריקאַדע־קאַמפן פון דער קאָמונע.

— און פאַרוואָס זעט מען אייך גאָרנישט אין דעם אויפמאַרש צו דער וואַנט? — האָב איך אים געפרעגט.

— צו אַלט בין איך, מיין יונגער פריינד, האָט ער מיר געענטפערט. אָבער יאָר־איין יאָר־אויס שיק איך דורך מיין טאָכטער מיין בלומען־בוקעט צו באַערן זייער אָנדענק. די שענסטע רויטע בלומען פון מיין גאָרטן זיינען פאַר די קאָמונאַרן.

צי לעבט נאָך דער אַלטער קאָמונאַר? איך ווייס עס נישט. אָבער יעדעס יאָר, ווען מען מאַרשירט צו דער קאָמונאַרן־וואַנט, דערמאָן איך זיך אין אים און איך זע אים מיט אַ גאַנג אַ שטאָלצן און אַ פעסטן, מיט אַ גאַנג פון אַ זיגער...

אַזוי שפּילט מען אין שלום

מאַטעלע איז אַ ייִנגל פון אַ יאָר עלף. אַ פעסטער, אַ ברייטער און אַ גוטמוטיקער. שטענדיק ער שמייכלט, שטענדיק ער ווייצלט זיך. האָבן אים אַלע ליב. אַז עס קומט צו אַ שפּיל, פרעגט מען מאַטעלען. וואָס ער זאָגט, איז אָנגענומען פון אַלע קינדער. ער איז ביי אַלעמען באַליבט.

איין מאָל, ס'איז געווען אַ שיינער, זוניקער טאָג, איז מען אַוועק שפּאַצירן אין וואַלד. האָבן די קינדער געזונגען, געטאַנצט און געשפּילט.
האָבן די ייִנגלעך געזאָגט: „אין וואַלד איז דאָ שטעקנס, צווייגן, שישקעס. לאָמיר שפּילן אין מלחמה. אין גראָבן וועלן מיר מאַכן אַ טראַנשייע. די אויסשפּירער וועלן זיין אויף די ביימער, צווישן די צווייגן, און איר, מיידלעך, איר וועט זיך באַהאַלטן הינטער די קוסטעס“.

פרעגט מען מאַטעלען.

— אין מלחמה? אַ פיינע שפּיל האָט איר צוגעקלערט. מיין זיידע איז געווען אויף מלחמה, איז ער פאַרוווּנדעט געוואָרן און אַפילו איצט טוט אים שטענדיק ווי דער רעכטער פוס, ווען עס גייט אַ רעגן, אָדער ס'איז אַ נעפּל.

— און מיין טאַטע איז געווען אויף דער לעצטער מלחמה, איז ער קראַנק. ער איז געווען אַ קריגס־געפאַנגענער. ער האָט פיינט מלחמה, זאָגט אַ מיידל.

— איז אין וואָס זאָלן מיר שפּילן, מאַטעלע? — פרעגן די קינדער.

מאַטעלע קלערט און קלערט. דערנאָך זאָגט ער מיט אַ גוטמוטיקן שמייכל:

— קינדער, לאָמיר שפּילן אין שלום.

— אין שלום? ווי שפּילט מען אין שלום?

— אַלע קינדער שטעלן זיך אויס אין אַ קרייז. מען גיט זיך די הענט. אַלע גיבן זיך די הענט — קליינע און גרויסע, ייִנגלעך און מיידלעך און דער לערער אויך.

— דערנאָך?

— דערנאָך? — קלערט ווייטער מאַטעלע — לאָמיר אַרויסלאָזן אַ ווייסינקע טייבעלע. זאָל זי זיין צווישן אונדז, זאָל זי זיין אויסער אונדז. מיר וועלן זי יאָגן, און ווער עס וועט זי כאַפּן, וועט האָבן געוווּנען דעם שלום.



— גוט, גוט — האָבן אַלע קינדער צוגעשטימט. און אַלע האָבן זיך אויסגעשטעלט אין קרייז און אַלע האָבן זיך געגעבן די הענט.

— ווער וועט זיין דאָס טייבעלע? פרעגט מאַטעלע.

— איך! איך! איך! און אַלע קינדער האָבן געוואָלט זיין די ווייסע טייבעלעך פון שלום.

שיין ווי די וועלט און גוט ווי די מאַמע

אין שול זיינען אַלע קינדער פאַרטאָן אין דער אַרבעט. עס איז אַזוי העל און בלוי דער הימל. עס וואָלט אַזוי געשמאַק געווען צו זיין אין גאָרטן, אין שאָטן פון די גרין־צעצווייג־טע ביימער, אָבער היינט וויל גאָר קיינער נישט מאַכן קיין שפּאַציר. אפילו בערעלע, וואָס איז אַלע מאָל דער ערשטער פאַרצולייגן אַ שפּיל און אַ שפּאַציר, איז היינט פאַרטאָן אין אויסמאָלן אַ שיינעם געמעל פון אַלערליי פאַרבן, אַז ער פאַרגעסט גאָר אין בלויען הימל, אין גרינעם גאָרטן און אין אַלע שטיפערייען.

היינט גרייט מען מתנות פאַר דער מאַמען און ס'איז געבליבן אַזוי ווינציק צייט... מען קען דאָך נישט שפּילן און לויפן און דערנאָך ערשט זיך נעמען צו דער אַרבעט.

— ווען מען הייבט אָן צו שפּילן און צו שטיפן — זאָגט בערעלע — ווייס איך נישט, ווען איך וועל ענדיקן.

און דאָס איז אמת. ער איז טאַקע אַ גרויסער שטיפער, אָבער ער איז נישט קיין כעלמער נאַר.

היינט איז גאָר בערעלע דער פלייסיקסטער פון אַלעמען. ער וויל, אַז זיין געמעל זאָל זיין דער שענסטער פון אַלע. אַרבעט ער מיט פלייס און מיט פיל אויפמערקזאַמקייט.

אָנגעהויבן האָט בערעלע מיטן אויסמאָלן אַ בלום, דערנאָך האָט ער אויסגעמאָלט אַ גאַנצן בלומען־בוקעט און צום סוף האָט ער זיך באַקלערט: ער וועט אויסמאָלן די שטוב און זיין שוועסטער מירעלע, ווי אַזוי זי שטעלט אַריין אין וואַזע אַ בלומען־בוקעט.

ער האָט זיך דערמאָנט, אַז פאַראַיאָרן האָבן זיי ביידע צוזאַמען איינ־געקויפט אי אַ וואַזע, אי בלומען און דערמיט געמאַכט דער מאַמען אַ סורפּריז גאָר באַגינען, ווען זי איז נאָך נישט געווען אויפגעשטאַנען פון שלאָף.

— בערעלע! רופט זיך אָפּ צו אים זיין חבר זשאַקאָ — ס'איז שוין שפּעט. מען גייט אין גאָרטן. מען וועט שפּילן אין יאָגעלעך.

— זעסט נישט, אַז איך יאָג זיך? — ענטפערט אים בערעלע — איך מאַך שוין מיין דריטן בילד און עס איז נאָך אַלץ נישט אַזוי ווי איך וויל.

— און וואָס ווילסטו?

בערעלע ענטפערט:

— איך וויל, אַז מיין בילד זאָל זיין שיין ווי די וועלט און גוט ווי מיין מאַמע.

בערעלע שטיפער מאַכט אַ סורפּריז

איין מאָל גייט בערעלע שטיפער אין גאָרטן. זעט ער אַ שיינע בלום. אַ שטיפער איז ער אַ גרויסער און ער האָט נישט ליב צו פאָלגן וואָס מען זאָגט אים. די בלום איז אים געפעלן געוואָרן, האָט ער זי אויסגעריסן. אָבער כדי דער וועכטער זאָל נישט באַמערקן, האָט בערעלע זיין בלום אַריינגעלייגט אין קעשענע און אַזוי זיך אָנגעשפּילט אַ גאַנצן העלן טאָג.

אוונט־צייט קומט ער אַריין אין שטוב, נעמט אַרויס די בלום און וויל זי געבן זיין מאַמען אַ געשאַנק. די מאַמע קוקט אָן די בלום. זי איז שוין אין גאַנצן צעקנוילט, צעקנייטשט און זי האָט שוין באַלד נישט קיין אויסזען פון קיין בלום.

אָבער די מאַמע איז דאָך אַ גוטע, וויל זי נישט פאַרשאַפן קיין פאַרדרוס איר זון און זי זאָגט אים:

— בערעלע, איך דאַנק דיר פאַר דיין שיינער בלום, אָבער נאָך אַ מאָל, אַז דו וועסט געפינען אַ בלום, זאָלסטו זי נישט האַלטן אין קעשענע. האַלט זי אין האַנט, צי שטעק זי אַריין אין דעם לאַץ, קום שנעל אין שטוב און שטעל זי אַריין אין אַ גלאָז מיט וואַסער.

בערעלע האָט נישט געוואָלט דערציילן זיין מאַמען, אַז ער האָט זיין בלום אַרויסגעריסן פון שיינעם בלומען־בייט אין שטאָטישן גאָרטן. אָבער זעענדיק, ווי זיין מאַמע איז צופרידן געוועזן פון זיין בלום, האָט בערעלע באַשלאָסן ביי זיך, אַז מאָרגן וועט ער ברענגען זיין מאַמען אַ גרויסן שיינעם בלומען־בוקעט און ער וועט זיין פריש און שמעקעדיק.

אין שטאָטישן גאָרטן האָט בערעלע נישט געקענט אויסרייסן קיין בלומען־בוקעט. ער האָט מורא געהאַט פאַרן וועכטער.

גייט ער אַרויס אין גאַס, באַמערקט ער, ווי אַ מיידל טראָגט אַ גרויסן בוקעט מיט שיינע, רויטע רויזן. און אַזעלכע בלומען, ווייסט בערעלע, האָט זיין מאַמע זייער ליב.

זאָגט בערעלע צום מיידל:

— דו האָסט אַזוי פיל בלומען. קענסטו מיר נישט געבן כאָטש איין בלום פאַר מיין מאַמען?

דאָס מיידל האָט אים אָנגעקוקט מיט אַ שמייכל און אים געשאָנקען אַ שיינע, רויטע רויז.

בערעלע האָט גלייך גענומען זיין בלום און זי געוואָלט אַריינשטעקן אין לאָץ, אַזוי ווי זיין מאַמע האָט אים אָנגעזאָגט. אָבער דאָ באַמערקט ער, אַז ער איז אַרויס פון שטוב אָן זיין רעקל. עס איז געווען אַזוי וואַרעם און בערעלע וויל אַזוי שטאַרק, אַז די בלום זאָל בלייבן פריש און שמעקעדיק.

וואָס טוט בערעלע ? ער באַמערקט אויפן טראָטואַר אַ וואַסער־פּלומפּ, לויפט ער צו, באַשפּריצט זיין בלום מיט וואַסער און ער לויפט שנעל אין שטוב.

גראָד איז די מאַמע אין שטוב נישט געווען. בערעלע האָט זיך געטראַכט :

— ס׳איז נאָך בעסער אַזוי. איך וועל איר מאַכן אַ שיינעם סורפּריז.

דערנאָך האָט בערעלע גענומען די שיינע וואַזע, זי אָנגעפילט מיט קלאָרן, לויטערן וואַסער, אַריינגעשטעלט אין איר זיין שיינע רויטע בלום און זי אַוועקגעשטעלט אין סאַמע מיטן טיש פון עס־צימער.

די מאַמע קומט אַריין. זי דערזעט די וואַזע מיט דער שיינער רויז אויפן מיטן טיש, האָט זי באַלד פאַרשטאַנען, אַז דאָס האָט איר געבראַכט איר יינגעלע, בערעלע שטיפער, אָבער זי האָט זיך געמאַכט נישט ווויסנדיק.

— ווער איז דער אָנגעלייגטער גאַסט, וואָס איז געקומען צו אונדז ? — פרעגט די מאַמע.

בערעלע האָט געענטפערט :

— אַ יינגעלע, אַ שטיפער. טרעף, ווער עס איז ?

דער דערטרונקענער אוצר

סערזש איז געווען אין קאָלאָניע באַליבט ביי אַלע זיינע חברים. מען האָט אים ליב געהאַט, ווייל ער איז שטענדיק געווען פריילעך, מונטער און אויך דערפאַר, ווייל ער האָט געקענט מאַכן אַלערליי קונץ־שטיק פריילעך צו מאַכן אַנ־דערע: דאָ פלעגט ער נאָכמאַכן דאָס געזאַנג פון פויגל און אַ ווילע אַרום פלעגט ער זיך נעמען קוואַקען ווי אַ זשאַבע, אָדער גאָר וואָר־קען ווי אַ טויב. ער איז אויך געווען אַן אויסגעצייכנטער ספּאָרטלער. שפּילן אונטער זיין קאָמאַנדע איז געווען אַ כבוד און יעדעס מאָל, ווען מען פלעגט איינטיילן די קינדער אין גרופּעס, פלעגן אַלע וועלן זיין דווקא אין זיינער. ער איז געווען דער פלינקסטער פוסבאָל־שפּילער, דער בעסטער וואָלעי־באָל־שפּילער. און האָט מען זיך פאַרמאָסטן לויפן, האָט זעלטן ווען געטראָפן, ער זאָל נישט אָנקומען דער ערשטער.

איין מאָל האָט סערזש, שמועסנדיק מיט די פישער פון דאָרף, זיך דערוווּסט, אַז גאָר נאָענט פון דער פּליאַזשע, ביי די הויכע פעלדזן איז אַמאָל, גאָר אַמאָל דערטרונקען געוואָרן אַ שיף פון פּיראַטן (ים־רויבער), וואָס איז געווען אָנגעלאָדן מיט אוצרות, ברילִיאַנטן, דיאַמאַנטן און וווּנדערלעכע פּערל.

סערזש האָט, זינט ער האָט געהערט די געשיכטע מיטן דערטרונקע־נעם אוצר, נישט אויפגעהערט צו קלערן דערפון און געהאַט באַשלאָסן ביי זיך צו גראָבן אַזוי טיף, ביז ער וועט אויסגעפינען דעם אוצר.

— און וואָס וועסטו טאָן מיטן אוצר? — האָט אים געפרעגט, שפּאַסנדיק זיין חבר זשאַק. דו וועסט דאַרפן דינגען וועכטער אים צו היטן...

— לאָמיר אים נאָר געפינען — האָט אים ערנסט געענטפערט סערזש.
— איך וועל די ערשטע זאַך לאָזן אויסבויען ביים ים־ברעג אַ גרייסן גלעזערנעם פּאַלאַץ און דאָס וועט זיין אונדזער היים, אונדזער אַלעמענס פריינדשאַפט־קאָלאָניע.

דעם זעלבן אָוונט, ווען אַלע קינדער זיינען שוין געווען צוזאַמענגעקומען פון דער פליאַזשע און שוין געזעסן אַרום טיש צום אָוונט־ברויט, האָבן אַלע געזוכט סערזשן. מען האָט אים גערופן פון אַלע זייטן. זשאַק האָט אפילו נאָכגעמאַכט סערזשס טויבן־וואָרקעריי, אָבער קיינער האָט נישט געענטפערט. בלויז דער הונט ביל, וואָס איז געווען אַזוי באַפריינדעט מיט סערזשן, אַז ער האָט גלייך פאַרשטאַנען, ווען מען רופט, האָט געענטפערט מיט אַ בילעריי.

עס איז שוין באַלד די זון פאַרגאַנגען אין די טיפענישן פון ים און סערזש איז נאָך נישט געווען צוריקגעקומען. דער הונט ביל איז שוין געוואָרן אומרואיק, האָט ער זיך אַ לאָז געטאָן צום ים־ברעג. און עס האָט נישט געדויערט קיין צען מינוט, איז ער שוין געווען ביים פעלדזיקן ברעג נעבן סערזשן און באַלד מיט אים צוזאַמען צוריקגעקומען אין קאָלאָניע.

— נו, האָסט געפונען דעם אוצר? — האָט אים מיט אַן איראָנישן שמייכל געפרעגט זשאַק.

— אוודאי, — האָט אים געענטפערט סערזש. — פון פעלדזן־שפּיצן האָב איך דעם ים באַקוקט, גאָלד און זילבער, בריליאַנטן אין יעדער כוואַליע...

פרעגט אים זשאַק:

— און דערמיט וועסטו בויען דעם פּאַלאַץ?

סערזש ענטפערט:

— דעם פּאַלאַץ וועלן מיר בויען מיט אונדזער לויטערער פריינדשאַפט.

פאַרוואָס באַקומען זיי מעדאַלן?

געווען איז עס אין אַ שיינעם, זוניקן טאָג. ביים ברעג פון בלויען ים האָט אַ פישער־שיפל זיך געוויגט אויף די כוואַליעס. צוויי יינגלעך, וואָס האָבן זיך געשפּילט אויפן העלן זאַמד, זשאַן־קלאָד און יאָזעף, האָבן דאָס פישער־שיפל דערזען, האָבן זיי זיך אַריינגעזעצט, גענומען אין זייערע קליינע הענטלעך די וויאָסלעס און זיך אַוועקגעלאָזט הוידען אויף די כוואַליעס. עס האָט זיך זיי געדוכט, אַז זיי זיינען גרויסע שיף־קאַפּיטאַנען, וואָס שווימען מיט זייערע שיפן אַוועק ווייט, ווייט פון יענער זייט ים, וווּ עס לאָזט זיך די זון אַראָפּ.

אָבער פּלוצים איז אַן אומגליק געשען — דער קלענסטער פון די „גרויסע" שיף־קאַפּיטאַנען, זשאַן־קלאָד, פינף יאָר אַלט, איז פונעם ברעג שיפל אין וואַסער אַריינגעפאַלן. אָט האָט אים שוין אַ גרויסע ים־כוואַליע פאַרצוקט, שווימען האָט ער נישט געקענט... זיינע הילף־געשרייען האָט דערהערט זיין עלטערער חבר יאָזעף, ניין יאָר אַלט.

אַנשטאָט אַריינצושפּרינגען אין וואַסער, וווּ ער וואָלט אוודאי צוזאַמען מיט זיין קליינעם פינפיאָריקן חבר געוואָרן גלייך פאַרזונקען אין די ים־כוואַליעס, האָט דער קלוגער יאָזעף זיך אָנגעהאַנגען פעסט אין גראָבן שטריק פון פישער־שיפל און אויסגעשטרעקט זיין פוס דעם פינפיאָריקן זשאַן־קלאָד. און ווען די ים־כוואַליע האָט דעם קליינעם קאַפּיטאַן אַ טראָג געטאָן גאָר הויך, האָט זשאַן־קלאָד זיך אָנגעכאַפּט אין פוס פון זיין חבר. ביידע קינדער האָבן גערופן צו הילף און אַן אַלטער פישער האָט זייער רוף דערהערט, צוגעשווומען מיט זיין שיפל און ביידן געראַטעוועט.

פאַר זיין קלוגשאַפט און העלדישקייט, איז דער קליינער יאָזעף געוואָרן אויסגעצייכנט מיט אַ מעדאַל, וואָס מען האָט אים צוגעשפּיליעט אויפן שוואַרצן שול־פאַרטוך, אין דער אַנוועזנהייט פון אַלע קינדער פון זיין שול.

אַלע קינדער האָבן אים אַפּלאַדירט.

ביים אַרויסגיין פון גרויסן, שיין־דעקאָרירטן זאַל פון דער שול, האָט איין קינד געפרעגט זיין דערוואַקסענעם ברודער:

— יאָזעף איז אַ העלד. ער האָט באַקומען אַ מעדאַל, ווייל ער האָט געראַטעוועט דאָס לעבן. זאָג מיר, פאַרוואָס באַקומען אָבער מעדאַלן די גרויסע פליער, וואָס וואַרפן באָמבעס אויף מאַמעס און קינדער ? זיי ראַטעווען דאָך נישט דאָס לעבן, זיי נעמען עס דאָך אָפ ?!...

אַ בריוו פון אַ ווייטן לאַנד

לעצטן זומער איז מאַטעלע געפאָרן אויף וואַקאַנסן מיט דער סאַמע לעצטער גרופּע. דעמאָלט, ווען פיל קינדער זיינען שוין געווען צוריקגעפאָרן, איז ער אַוועקגעפאָרן. ער וואָלט געווען געפאָרן פריער, איז ער אָבער געווען קראַנק אויף מאָזלען און ביז ער האָט זיך אויסגעמאָזלט, איז שוין די ערשטע גרופּע געווען צוריקגעקומען און די צווייטע — אויפן וועג צו די בערג.

גייענדיק אויף אַ שפּאַציר אין די געדיכטע וועלדלעך פון די אַרומיקע בערג, האָט מאַטעלע געפונען צווישן די געדיכטע גראָזן אַ פאַרוווּנדעט פייגעלע. ער האָט עס אויפגעהויבן, גענומען איר צאַפּלדיק קערפּערל אין זיין האַנט, עס געגלעט, געגעבן ברעקלעך און געבראַכט אין קאָלאָניע. באַלד ווי מען איז צוריקגעקומען פון שפּאַציר, האָט ער זיין פייגעלע אַוועקגעטראָגן צום דאָקטאָר, ער זאָל עס היילן.

אין אַ וואָך צייט איז דאָס פייגעלע געוואָרן געזונט. איר הינקענדיק פיסל האָט זיך אויסגעגלייכט און עס האָט ווידער גענומען שפּרינגען פון צווייג צו צווייג און פליען פון בוים צו בוים.

און דאָס פייגעלע איז געוואָרן אַזוי באַפריינדעט מיט מאַטעלען, אַז יעדעס מאָל, ווען עס פלעגט אַרויספליען אַפילו גאָר, גאָר ווייט, פלעגט עס צוריקקומען און אַרויפשפּרינגען אויף זיין פּלייצע, אויפן קאָפּ, צי גאָר באַלד אויף זיין דלאָניע.

אַזוי האָט עס געדויערט ביז מאַטעלעס אָפּפאָר. עס איז שוין געווען אָנהייב האַרבסט און די פייגעלעך האָבן זיך שוין צונויפגעזאַמלט און גע־גרייט אָפּצופליען אין די וואַרעמע לענדער.

אַט דעמאָלט האָט מאַטעלע גענומען אַ ווייסן זיידענעם באַנד, אָנ־געשריבן זיין אַדרעס און דערנאָך אים אַרומגעבונדן אויפן האַלדז פון פייגעלע.

דאָס פייגעלע איז אַוועקגעפלויגן. מאַטעלע איז אָפּגעפאָרן קיין פּאַריז.

עס איז אַוועק דער האַרבסט, עס איז געקומען דער ווינטער. עס איז געפאַלן אַ שניי און צעגאַנגען. עס האָבן זיך שוין גענומען באַווייזן די ערשטע פרילינגדיקע זון־שטראַלן. מאָטעלע האָט זיך געקליבן צו גיין צו דער סען מאָלן אַ בילד. ער גייט פון שטוב אַרויס, קומט אים אַנטקעגן דער בריוו־טרעגער און גיט אים איבער אַ בריוו געשריבן אויף זיין נאָמען.

מאָטעלע עפנט אויף דעם קאָנווערט. עס איז געשריבן אויף אַ פרעמדער שפּראַך, וואָס ער פאַרשטייט נישט, נאָר צום בריוו איז גע־

ווען בייגעלייגט אַ צייכענונג און לויט דעם האָט ער פאַרשטאַנען דעם זין פון בריוו.

אויף דער צייכענונג איז געווען אויסגעמאָלט אַ ברעג פון ים, באַשאָטנט מיט פאַלמען. אויף אַ שיפל איז געשטאַנען אַ יינגל מיט אַ געקרויזלטן קאָפּ און אויסגעשטרעקט אַ ברידערלעך־פריינדלעכע האַנט.

דאָס פייגעלע האָט מיר דערציילט

איר מיינט, קינדער, אַז די פייגעלעך קענען בלויז זינגען? האָט איר אַ טעות — זיי קענען אויך רעדן און אויף זייער „צווי־צווי״־שפּראַך דערציילן זיי מיר זייער שיינע געשיכטעס. אָט הערט, קינדער, וואָס פאַר אַ שיינע פרילינג־געשיכטע עס האָט מיר דערציילט אַ פייגעלע, מיינע אַ שכנטע. מיינע אַ שכנטע איז דאָס פייגעלע שוין עטלעכע פרילינגס און זומערס. זי האָט אויסגעבויט איר היים־נעסט פונקט אַנטקעגן מיין פענצטער אויף אַ קאַשטאַנען־בוים; אַ בוים אַן אַלטער, אַ ברייט־באַבלעטערטער.

אין אַ העלן באַגינען פון די ערשטע אַפּריל־טעג — מיר דוכט זיך, אַז דאָס איז געווען פּסח־צייט — האָט מיר דאָס פייגעלע צוויטשעריש דערציילט:

— דו ווייסט, מיין ליבער פריינד, פאַרוואָס איך האָב זיך האַיאָר פאַרשפּעטיקט מיטן צוריקקומען פון די וואַרעמע לענדער? — האָט זיך דאָס פייגעלע פרעגנדיק צעצוויטשערט: צווי? צווי? צווי? הער, וועל איך דיר זאָגן:

— געווען איז עס מיט אַ פּאָר וואָכן צוריק. אויף אַ זון־שטראַל אַ גאָלדיקן בין איך געפלויגן, געפלויגן פון ווייטן, גאָר ווייטן וואַרעמען לאַנד צו מיין היימישן בוים, אַנטקעגן דיין פענצטער. אַ ווינטל אַ קילס און אַ שטילס האָט מיך געטראָגן דורכן בלויען הימל־געוועלב איבער בערג און איבער טאָלן, איבערן גרויסן, אומענדלעכן ים, ביז איך בין צום ברעג פון דיין לאַנד אָנגעקומען. און שוין האָט מיין האַרץ אויפגעציטערט פון פרייד ווידער צו זען מיין ברייט־צעצווייגטן קאַשטאַנען־בוים, די הויכע מויערן מיט די שפּיציקע דעכער אַרום און אַרום דיך, מיין טייערער פריינד, וואָס גרייט מיר אָן יעדן פרימאָרגן ברויט־ברעקעלעך געשמאַקע און וואַסער לויטער־פרישן ביי דיין פענצטער־ראַנד.

— אָבער נישט באַשערט איז מיר געווען צו קומען צו דיר, ווען איך האָב געוואָלט. גראָד, ווען מיין גאָלדיקער שטראַל, אויף וועלכן איך בין געפלויגן, איז אָנגעקומען צום ברעג פון דיין לאַנד, האָט אַ בייזער, אַ

שרעקלעכער ווינט אָנגעיאָגט אַ געדיכטן, שוואַרצן וואָלקן, וועלכער האָט פאַרשלונגען דעם שטראַל מיט מיר צוזאַמען. איך בין געוואָרן אין גאַנצן דורכגענעצט. עס האָט מיר געציטערט מיין לייב. איך האָב געפּאַכעט מיט די פליגלען, זיך געוואָלט דורכרייסן דורכן געדיכטן וואָלקן, אָבער וואָס ווייטער איך בין געפלויגן, אַלץ געדיכטער און פינצטערער איז דער וואָלקן געוואָרן. און קאַלט איז מיר געווען, און נאַס, און אַ שוידער און אַ גרויל האָט מיך דורכגענומען. כ'האָב געזוכט, געזוכט דעם גאָלדיקן ליכטיקן שטראַל — ער איז פאַרפאַלן געוואָרן, פאַרזונקען געוואָרן אין די פינצטערע געדיכטעניש פון שוואַרצן וואָלקן.

— איך האָב קיין סך נישט געקלערט און זיך געלאָזט פליען צוריק, צום ווייטן, וואַרעמען לאַנד, צוריק צום גרויסן, אומענדלעכן ים. נישט לייכט איז עס מיר אָנגעקומען. איך האָב געפּאַכעט מיט מיינע פליגלען, געפּאַכעט מיט אַלע מיינע כוחות. איך בין געוואָרן מיד, אויסגעמאַטערט, אויסגעהונגערט בין איך אויך געווען, אָבער איך האָב זיך סוף־כל־סוף אַרויסגעריסן פון דער פינצטערניש און אַרויסגעפלויגן צו דער ליכטיקער שיין, צום לויטערן, בלויען הימל־געוועלב.

— גרויס איז געווען מיין פרייד, וואָס איך בין געוואָרן דערוואַרעמט. וואָס עס איז מיר ווידער ליכטיק געוואָרן אין די אויגן, אָבער אין האַרצן האָט גענאָגט אַ בענקשאַפט. אַ בענקשאַפט נאָכן גאָלדיקן שטראַל, וועלכן איך האָב נישט צוריקגעפונען, אַ בענקשאַפט נאָכן ברייט־צעצווייגטן קאַשטאַנען־בוים און נאָך דיר, מיין ליבער פריינד.

— און איצט ווילסטו וויסן, ווי אַזוי איך בין צוריקגעקומען? מאָל דיר אויס, אַז דער גאָלדיקער שטראַל האָט מיך צוריקגעפונען. איך האָב זיך געהאַט באַזעצט אויף אַ גרינעם אינדזל, אין רעכטן מיטן ים. און אָט אַזוי, מיטן זעלבן גאָלדיק־ליכטיקן שטראַל, בין איך צוריקגעקומען. דאָס מאָל איז דער הימל־געוועלב פון דיין לאַנד געווען העל־צעבלויט. אַ שטיל ווינטל האָט מיך באַגריסט ביים אָנקומען; און נאָך זייענדיק פון יענער זייט פאַריז, ביים ברעג פון סען־טייך, האָב איך שוין דערקענט מיין היימישע לאַנדשאַפט און שנעל, ווי אַ פייל פון בויגן, בין איך צוריק צו דיר געקומען.

אויף דעם ראַנד פון מיין פענצטער האָב איך פּאַר אים ברויט־ברעקעלעך אָנגעגרייט, וואַסער פרישן אָנגעגאָסן. און דאָס פייגעלע האָט מיט זיינע פליגלען אַרומגעקרייזט אַרום און אַרום און מיך באַגריסט מיט אַ פריילעך־צעצוויטשערטן פרילינגס־ליד.

דער קליינער העלד פון כפר תבור

דאָס איז געווען מיט אַ סך יאָרן צוריק. דעמאָלט איז ארץ־ישׂראל געווען אַ טייל פון דער טערקישער מלוכה, ווו עס האָט געהערשט אַ סולטאַן. אין יענע יאָרן זיינען שוין געווען אין לאַנד יידישע פּויערים, קאָלאָניסטן, וואָס האָבן באַאַרבעט די ערד, אויסגעטריקנט די זומפּן, געאַקערט, געזייט און שפּעטער געשניטן די תבואה.

די קאָלאָניסטן פון כפר תבור אין אַ טאָל, צופוסנס פון באַרג תבור, האָבן איינמאָל באַשלאָסן צו בויען פאַר זייערע קינדער אַ שיינע שול צו לערנען לייענען און שרייבן, יידישע געשיכטע און אַלץ, וואָס אַ מענטש דאַרף וויסן.

אָבער אויף צו בויען אַ ניי הויז האָט מען געדאַרפט האָבן אַ דערלויבעניש פון סולטאַנס באַאַמטע. די באַאַמטע זיינען געווען פּאַמעלעכע, פאַרשלאָפענע. יאָרן וואָלט מען געדאַרפט וואַרטן, ביז מען וואָלט באַקומען די דערלויבעניש צו בויען און דערווייל וואָלטן די קינדער שוין געוואָרן גרויסע.

וואָס טוען די קאָלאָניסטן פון כפר תבור? — זיי בויען אָן אַ דערלויבעניש. דערוויסט זיך וועגן דעם אַ טערקישער אָפיציר און דינער פון סולטאַן, קומט ער אַראָפּ אין דאָרף און ער פרעגט:

— איר האָט אַ דערלויבעניש צו בויען?

ביי דער געביידע פון שול זיינען געווען נאָר שול־קינדער מיט זייערע קליינינקע ברידערלעך און שוועסטערלעך. די גרויסע און די יונגע בחורים און מיידלעך האָבן געאַרבעט אין פעלד.

— מיר דאַרפן האָבן אַ שול צו לערנען! — האָט געענטפערט אַ דרייסט יינגל.

— תיכף צענעמען די געביידע! תיכף! — גיט אַ באַפעל דער אָפיציר.

וואָס טוט דאָס דרייסטע ייִנגל? אבינועם? — ער זאָגט צו זײַנע חברים:

— קינדער, אַלע לאָמיר זיך אַנקלאַמערן אַן די ווענט, לאָמיר נישט לאָזן צענעמען אונדזער שול!

דער טערקישער אָפיציר האָט זיך שטאַרק געבייזערט, געזאָגט, אַז ער וועט די קינדער פירן אין תפיסה. די קינדער האָבן אָבער געפאָלגט זייער קליינעם חבר אבינועם און אַרומגערינגלט דאָס נישט־פאַרענדיקטע הויז פון זייער שול.

דער אָפיציר האָט געזען, אַז ער וועט מיט די קליינע עקשנים גאָר־נישט אויספירן, איז ער אַוועק. ער האָט געטראַכט, אַז ער וועט קומען ביינאַכט מיט סאָלדאַטן און ער וועט שוין צענעמען די גאַנצע געביידע.

ווען דער אָפיציר איז אַוועק, האָט דער קליינער אבינועם און זײַנע חברים דערציילט וועגן דעם די עלטערן.

די עלטערן האָבן אויף גיך צוזאַמענגערופן אַלע אַרבעטער און פּויער־רים פון דאָרף און אויך פון די אַרומיקע דערפער און תיכף האָבן זיי זיך אַלע גענומען צו דער אַרבעט.

מען האָט געדאַרפט לייגן אַ דאַך, נאָך איידער דער אָפיציר וועט אָנ־קומען מיט זײַנע סאָלדאַטן, ווייל לויטן טערקישן געזעץ האָט מען נישט געטאָרט צענעמען קיין געביידע, וואָס האָט אַ דאַך.

דעם גאַנצן טאָג האָבן אַלע שווער געאַרבעט, גרויס און קליין; און אוונט־צייט, ווען די זון האָט זיך שוין געהאַט אַראָפּגעלאָזט אַ רויטע צום ים דעם בלויען, איז די שול־געביידע שוין אין גאַנצן געווען געדעקט מיט אַ שיינעם דאַך.

אַ פּאָר וואָכן שפּעטער האָט מען אין דער גאַנצער געגנט געפייערט די דערעפענונג פון דער נייער שול.

אַלע זײַנען געווען פריילעך, אַלע האָבן געטאַנצט און געזונגען. פריי־לעכער פון אַלעמען איז געווען דער קליינער העלד — אבינועם.

(דערציילט לויט י. יערי).

דאָס בלינדע ייִנגל איז צוריק געוואָרן זעעוודיק

דאָס איז אין צייט פון קריג געשען. די נאַציִשע אַוויאָנען האָבן געוואָרפן באָמבעס אויף דעם דאָרף און אפילו אויף די פעלדער, ווו בלויז אייִנצלנע פויערים־פאַמיליעס האָבן באַאַרבעט די ערד. עס האָט געשיינט די זון. ס׳איז אין מיטן העלן טאָג געווען און פלוצים איז דעם צען־יאָריקן ייִנגל פיעטקאָן פינצטער געוואָרן אין די אויגן. עפעס אַזוי ווי אַ פייער־פלאַם וואָלט זיי אַנגערירט און פאַרצערט די ליכטיקע שייבלעך, דורך וועלכע די וועלט האָט צו אים אַריינגעקוקט מיט איר גאַנצער פאַרביקער ליכטיקייט.

פיעטקאָ איז געוואָרן בלינד; מען האָט אים אַוועקגעפירט אין שטאָטישן שפיטאָל. די דאָקטוירים האָבן אים געהיילט און געטרייסט, אַז ער וועט נאָך ווידער זען די ליכטיקע וועלט. „די וויסנשאַפט, האָבן זיי געזאָגט, וועט נאָך קענען מאַכן זעעוודיק פיל בלינדע מענטשן״.

אָבער עס זיינען אַוועק פיל לאַנגע וואָכן און פיל פינצטערע חדשים. פיעטקאָ האָט זיך שוין געהאַט צוגעוווינט צו דער פינצטערניש. זיין געהער איז געוואָרן איצט פיל מער פילעוודיק, ווי פריער, ווען ער איז נאָך געווען אַ זעעוודיקער. אין זיינע פינצטערע טעג און נעכט האָט זיין אויער און זיין גאַנצער וועזן פאַרנומען דעם מינדסטן שאָרך, די איידלסטע, די פיינסטע קלאַנגען: דאָס פויגל־געזאַנג אין דער פרילינג־נאַכט און דאָס געפליסטער פון די שניי־שטערנדלעך אין ווינטער...

פינצטער איז געווען פיעטקאָן אין די אויגן, אָבער זיין געדעכעניש איז געווען וואַך און אים דערמאָנט די ליכטיקע טעג פון אַמאָל. און דער פילבאַרער פיעטקאָ האָט זיך גענומען פאַרפאַסן לידער, אין וועלכע ער האָט אַרויסגעזונגען זיין בענקשאַפט נאָכן ליכטיקן אַמאָל און אויך זיין פרייד צו טרעפן אַזוי פיל גוטע מענטשן, וועלכע ווייזן אים אַרויס אַזאַ האַרציקע פריינדשאַפט. זיינע לידער פלעגט פיעטקאָ זינגען מיט געפיל

און לויט מעלאַדיעס, וואָס ער האָט אַליין פאַרפאַסט. און אַזוי שטאַרק זיינען זיינע לידער געפעלן געוואָרן, דאָס די קראַנקע פון שפּיטאָל, די קראַנקן־שוועסטערס און אפילו די דאָקטורים פלעגן אים באַצוינגען. זיי־נען זיינע לידער געוואָרן אַלעמענס לידער. פיל קינדער האָבן זיי געזונ־גען אין אַלע עקן פון גרויסן לאַנד.

און אַט איז אין שטאָטישן שפּיטאָל אָנגעקומען אַ גאָר גוטע בשורה: אַ גרויסער פּראָפעסאָר, פילאַטאָוו איז זיין נאָמען, האָט אָפּערירט אַ בלינדן און איינגעפלאַנצט אויף זיינע אויגן נייע הייטלעך, און דער בלינ־דער איז ווידער זעעוודיק געוואָרן.

באַלד האָט מען פּיעטקאָן אַוועקגעפירט אין שפּיטאָל צום גרויסן פּראָפעסאָר, און אין אַ שיינעם, לויטערן, ווייסן ווינטערדיקן פרימאָרגן האָט פּיעטקאָ צוריק דערזען די ליכטיקע שיין. פון דער פּלוצימדיקער ליכטיקייט איז פּיעטקאָ שיער נאָך אַ מאָל נישט פאַרבלענדט געוואָרן. אָבער ער איז תיכף געקומען צו זיך, זיך אַרומגעקוקט אַרום און אַרום, דערזען זיין מאַמען, זיין פּאַפּאַ, דעם פּראָפעסאָר און זיינע געהילפן. אַ ליכטיקער, אַ צעשטראַלטער איז ער זיי אַרויפגעפאַלן קושן.

דעם זעלבן טאָג האָט פּיעטקאָ פאַרפאַסט אַ ניי ליד, אַ ליד פון ליכטיקער פרייד, אַ געזאַנג פון ברידערלעכקייט, פון שלום און פון ליוב צום מענטשלעכן וויסן.

דאָס רומענישע פאַסטוכל

איז געווען אַמאָל אַ פאַסטוכל, אַ קליין פאַסטוכל, וואָס געפיטערט האָט שאָף אויף די בערגלעך און אין די טאָלן פון אַ באַרגיקער געגנט אין רומעניע. האָט דאָס פאַסטוכל געהאַט אַ וווּנדערבאַר פייפל, אַ מתנה פון זיין אַלטן זיידן, וועלכער איז אויך געווען אַ פאַסטוך און פונקט אַזוי ווי ער געפיטערט שאָף און רינדער.

דער אַלטער זיידע האָט דאָס קליינע פאַסטוכל אויסגעלערנט שפילן אויפן פייפל אַלערליי לידער און געזאַנגען. דערנאָך האָט דאָס פאַסטוכל גענומען שפילן אייגענע מעלאָדיעס און ניגונים, וואָס ער פלעגט אויסשפילן, זיך צוהאָרכנדיק צום געמורמל פון די וואַסער־קוואַלן, צום געוואָי פון דעם ווינט, צום געזאַנג פון סאָלאָוויי און צו דער שטילקייט פון די שטערן אויפן בלויען הימל־געוועלב.

שיין און רירנדיק זיינען געווען די מעלאָדיעס, וואָס דאָס קליינע פאַסטוכל האָט אויסגעשפילט אויף זיין פייפל. ווען ער פלעגט שפילן, פלעגן די שעפעלעך בלייבן שטיל, באַצויבערט פון זיינע ניגונים. די פויערים אויף די לאַנקעס און אין פעלד פלעגן אָפּשטעלן זייער אַרבעט און זיך צוהאָרכן צו זיין וווּנדערבאַרער מוזיק.

איז דאָס פאַסטוכל מיט זיין וווּנדער־פייפל געוואָרן אַזוי באַרימט, אַז מען האָט וועגן אים שוין גערעדט נישט בלויז אין די אַרומיקע דערפער, נאָר אויך אין דער ווייטער גרויסער שטאָט, וווּ עס זיינען געווען פיל גרויסע מוזיקער און אַ מוזיק־קאָנסערוואַטאָריע.

אין אַ סוף־זומערדיקן טאָג איז אין דאָרף אָנגעקומען פון דער ווייטער גרויסער שטאָט אַן אַלטער פּראָפעסאָר פון קאָנסערוואַטאָריע. שפּאַצירנדיק אויף די בערג, האָט ער זיך צוגעהאָרכט צו די קלאַנגען פון פאַסטוכס פייפל און אַזוי באַצויבערט איז ער געווען פון די מעלאָדיעס, אַז ער האָט דעם זעלבן אָוונט געלאָזט רופן צו זיך דאָס קליינע פאַסטוכל און אים אַזוי געזאָגט :

— אין דער גרויסער שטאָט האָבן מיר געהערט וועגן דיר און דיי־
נע שיינע געזאַנגען. איך האָב היינט, שפּאַצירנדיק אין די בערג, זיך
צוגעהאָרכט צו דיינע מעלאָדיעס. איך בין באַצויבערט. דו קענסט אויף
דיין פייפל אויסשפּילן די מוזיק פון דער שיינער נאַטור, די מוזיק פון
דער וועלט, אָבער דאָס, וואָס דו שפּילסט, ווערט פאַרלוירן אין דער נאַ־

טור. דו קענסט נישט קיין נאָטן, דו קענסט נישט פאַרשרייבן דיינע שאַ־
פונגען. דו שפּילסט, און דאָס, וואָס דו שפּילסט, שוועבט אַוועק מיטן ווינט.
איך לייג דיר פאָר, דו זאָלסט איבערלאָזן דיינע שעפּעלעך און פאָרן
מיט מיר אין שטאָט. דו וועסט לערנען ביי אונדז אין דער קאָנסערוואַ־

טאַריע, ווי אַזוי צו פאַרשרייבן דיינע וווּנדערבאַרע מעלאָדיעס. דו וועסט קענען אַליין לייענען דיינע שאַפונגען און אויך פיל אַנדערע מוזיקער אין דער גאַרער וועלט און פון די קומענדיקע צייטן וועלן, לויט דיינע נאָטן, שפּילן דיינע שיינע ווערק.

דאָס פּאַסטוכל האָט זיך געקווענקלט. ער האָט נישט געוואָלט פאַר־לאָזן זיינע שעפּעלעך, וועלכע ער האָט אַזוי ליב געהאַט, ער האָט נישט געוואָלט פאַרלאָזן די בערגלעך און די טאָלן, ווו ער האָט פאַרנומען די מוזיק פון דער נאַטור. האָט ער געענטפערט דעם אַלטן פּראָפעסאָר:

— איך האָב ליב מיינע שעפּעלעך, די בערג און די טאָלן. איך וועל אין דער גרויסער שטאָט בענקען נאָך זיי.

האָט אים דער פּראָפעסאָר צוגעזאָגט, אַז תּיכף ווי ער וועט זיך אויסלערנען ווי געהעריק פאַרשרייבן זיינע ווערק, וועט ער זיך קענען צוריקקערן אין דאָרף צו זיינע שעפּעלעך.

איז דאָס פּאַסטוכל אַוועקגעפאָרן אין שטאָט און האָט זיך אויסגעלערנט נישט בלויז פאַרשרייבן די נאָטן פון זיינע שאַפונגען, נאָר אויך שפּילן אויף אַ פידל. און אַזוי שטאַרק האָט ער געבענקט נאָך זיינע שעפּעלעך, אַז אין אַלע זיינע מעלאָדיעס, וואָס ער פלעגט אויסשפּילן אויף זיין פידל, האָט מען געפילט די טיפע בענקשאַפט און זיין טרויער.

האָט מען דאָס וווּנדערבאַרע פּאַסטוכל אַוועקגעשיקט אין די געגנטן פון לאַנד, ווו די פּויערים און די אַרבעטער האָבן מיט פרייד און אימ־פּעט איינגעצוימט די וואַסערן פון די באַרג־טייכן און אויפגעבויט גרוי־סע עלעקטרישע צענטראַלעס, פאַבריקן און זאַוואָדן; מען האָט אים גע־וויזן די טויזנטער ליכטער, וואָס האָבן אויפגעשימערט אין די דערפער פון די אַרומיקע בערג און טאָלן; מען האָט אים איינגעלאַדן אויף די גרויסע פייערונגען לכבוד די דערעפענונגען פון פיל גרויסע קולטור־פּאַלאַצן, טעאַטער־זאַלן, קינדער־הייזער, גרויסע, שיינע שולן און אוני־ווערסיטעטן.

האָט דאָס פּאַסטוכל אַ באַגייסטערטער פון פרייד פון די מיליאָנען מענטשן געשאַפן נייע ווערק, נייע מעלאָדיעס, אין וועלכע עס איז ווי דורך אַ כּישוף פאַרשוווּנדן זיין טרויער און זיין בענקשאַפט.

און האָט זיך דאָס פּאַסטוכל דערמאָנט אַ מאָל אין זיינע שעפּעלעך, אין די בערג און טאָלן, האָט ער זיינע דערינערונגען באַהויכט מיט דער פרייד פון נייעם מענטשן, וועלכער באַהערשט די נאַטור, און שאַפט דאָס וווילזיין און דאָס גליק פון אַלע אַרבעטנדיקע.

אַזוי האָט ער אויך געשאַפן זיין שענסט ווערק וועגן זיך: „איז געווען אַ מאָל אַ פּאַסטוכל"...

דער גוטהאַרציקער יצחק לייבוש פּרץ

אַ גוטהאַרציקער פריינדלעכער מענטש איז געווען דער גרויסער יידישער דיכטער און שרייבער יצחק לייבוש פּרץ, וואָס איז געבוירן געוואָרן מיט איבער הונדערט יאָר צוריק אין דער פעסטונג־שטאָט זאַמאָשטש אין פּוילן. זיין גוטהאַרציקייט האָט ער שוין אַרויסגעוויזן, ווען ער איז נאָך געווען אַ קינד. ווען לייבושל איז נאָך געווען אַ קליין יינגל, איז ער נישט געווען קיין נאַשער ווי אנדערע קינדער פון זיין עלטער. אַ האָניק־לעקעך, למשל, איז דאָך, דוכט זיך, זיס, געשמאַק, אַ מחיה, און לייבושל האָט נישט ליב געהאַט קיין האָניק־לעקעך.

איין מאָל איז ביי זיי אין שטוב געווען אַ גרויסע שמחה. זיין מאַמע האָט געבוירן נאָך אַ יינגעלע מיט אַזעלכע קלוגע, שוואַרצע פינקלדיקע אייגעלעך ווי לייבושלס. מען האָט פאַרבעטן פיל געסט און אַלעמען מכבד געווען מיט גוטע זאַכן: מיט טייגלעך, מיט טאָרט און מיט לעקעך.

געפירט האָט זיך דעמאָלט ביי יידן, אַז ווען מען האָט געפייערט אַ גרויסע שמחה, האָט מען אויך פאַרבעטן די אָרעמע און זיי געטיילט לעקעך און טאָרט. אָבער גראָד איז דער סאַרווער (באַדינער) פון דער שמחה ביי לייבושלען אין שטוב געווען אַ שלעכטער מענטש. ער האָט נישט אַריינגעלאָזט אין שטוב די אָרעמע מענטשן.

לייבושל האָט באַמערקט, ווי ביים שוועל שטייט אַן אָרעם בלאַס מיידעלע. ער האָט לאַנג נישט געטראַכט. ווען דער סאַרווער האָט פאַרבייגעטראָגן פאַרביי אים דעם גרויסן טאַץ מיט לעקעך, האָט ער זיך אויפגעשטעלט אויף זיינע ציפּקעס, אַראָפּגענומען אַ גרויס שטיק לעקעך און עס אַרויסגעטראָגן פאַר דעם בלאַסן אָרעמען מיידל.

לייבושלס טאַטע האָט געזען, ווי ער האָט אַ שפּרונג געטאָן און געכאַפּט אַ לעקעך, ער האָט אָבער נישט באַמערקט, וואָס ער האָט דערמיט געטאָן, האָט ער אים געגעבן אַ פּאַטש אין באַק און אויסגערופן:

— דער קאָמעדיאַנט, ער איז כלומרשט נישט קיין נאַשער און כאַפּט גאָר לעקעך פון טאַץ!

דערנאָך האָט דער טאַטע דערציילט וועגן דעם לייבושלס מאַמען. לייבושל האָט געשוויגן, נאָר די קעכין, וואָס האָט אַלץ געזען, האָט געזאָגט, וואָס לייבושל האָט געמאַכט מיטן לעקעך.

די מאַמע לייבושלס האָט אַראָפּגעלאָזט די ברעמען איבער די אויגן און זיין טאַטע איז געוואָרן בלאַס. זיינע אויגן זיינען אים געוואָרן פייכטלעך.

לייבושל האָט זיך געפילט ווי פאַרזינדיקט. ער האָט געוואָלט איבערבעטן זיין טאַטן פאַר זיין שווייגן, פאַרן האָבן פאַרשאַפט זיין טאַטן און זיין מאַמען אומזיסטע פאַרדרוס.

●

שפעטער, אין 1899, ווען י. ל. פרץ איז דורך דער פּאָליציי איינגע־זעצט געוואָרן אין דער וואַרשעווער תפיסה, ווייל ער האָט זיך באַטייליקט אין אַן אַרבעטער־פאַרזאַמלונג און מיט זיין ליד גערופן צום קאַמף פאַר גליק און פרייד, האָט ער דאָרטן, זיצנדיק, אָנגעשריבן אַ שיינע, האַר־ציקע געשיכטע וועגן אַן אַלטן גוטהאַרציקן געלערנטן רבי, וועלכער האָט זיך פאַרשטעלט פאַר אַ האָלץ־העקער און געבראַכט אַן אָרעמער קראַנ־קער פרוי אין אַ קאַלטן באַגינען אַ גאַנצן בינטל האָלץ און איר איינ־געהייצט דעם אויוון.

●

ווען י. ל. פרץ האָט אין אָנהייב פון דעם ערשטן וועלט־קריג געזען אָנקומען אין וואַרשע פיל פאַמיליעס, וואָס זיינען, צוליב די בלוטיקע שלאַכטן, פאַרטריבן געוואָרן פון זייערע היימען, האָט ער מיט זיין גאַנצן האַרצן גענומען זאָרגן פאַר די אומגליקלעכע היימלאָזע.

קינדער־היימען האָט י. ל. פרץ געעפנט און פאַר די קינדער האָט ער פיל קינדער־לידער געשריבן.

זיין גוט האַרץ האָט געוויי‌טיקט. ער האָט געליטן, פיל געליטן, זיך צוקוקנדיק צו די גרויסע ליידן, וואָס דער קריג האָט אַרויסגערופן.

און געשטאָרבן איז דער גרויסער גוטהאַרציקער יצחק לייבוש פרץ אין אַ שיינעם, פרילינגדיקן טאָג אין 1915, שרייבנדיק פאַר די קינדער אַ ליד :

„שטילער, שטילער
דאַנקען וויל ער"...

שטילער, שטילער, קינדער, דאַנקען ווילן מיר...

מין־לאַי און זיין זינג־פייגעלע

אין וויטן כינע האָט געלעבט אַן אַלטער פויער, האָט ער געהאַט זיין גאַנץ פאַרמעגן אַ קליין רייז־פעלד, אַ שטיבל צו וווינען און אַ קליין זינג־פייגעלע. ווען דער אַלטער פויער איז געוואָרן קראַנק און שוואַך און דערשפּירט, אַז ער האַלט ביים שטאַרבן, האָט ער געלאָזט רופן זיין אייניקל מין־לאַי און אים אַזוי געזאָגט:

— איך ווייס נישט ווי לאַנג איך וועל נאָך לעבן. מעגלעך, אַז נישט מער ווי אַ טאָג. איך וויל, אַז דו, מיין איינציק קינד פון מיין זון, פון דיין טאַטן, וועלכער איז געפאַלן אין קריג, זאָלסט איבערנעמען מיין גאַנצע באַלעבאַטישקייט. דו זאָלסט נישט לאָזן פאַרוויסטן מיין רייז־פעלד און זאָלסט זאָרגן פאַר מיין זינג־פייגעלע.

אין אַ טאָג אַרום איז דער אַלטער פויער געשטאָרבן.

מין־לאַי איז נאָך געווען יונג, קיין פופצן יאָר נישט אַלט, אָבער ער האָט שוין גוט געקענט די פעלד־אַרבעט. האָט ער באַאַרבעט דעם זיידנס רייז־פעלד און געזאָרגט פאַרן זינג־פייגעלע.

אָבער איין מאָל איז אין דאָרף אַראָפּגעקומען אַ מאַן פון דער גרויסער שטאָט און צונויפגערופן אַ פאַרזאַמלונג פון אַלע פויערים און זיי אַזוי געזאָגט: „מיר ווילן פאַרלייכטערן אייער לעבן און מיר ווילן, אַז די יונגע מענטשן זאָלן זיך בילדן, זיי זאָלן זיך אויסלערנען לייענען און שרייבן און אויך אָנצופירן מיטן דאָרף". און באַלד נאָך דער פאַרזאַמלונג האָט ער דעם ערשטן צוגערופן מין־לאַי און אים געזאָגט:

— דו זעסט מיר אויס צו זיין אַ פלייסיק יינגל. פאָר מיט מיר אין שטאָט. וועסט לערנען אין אַ גרויסער שול. וועסט ווערן געבילדעט. דערנאָך וועסטו זיך צוריקקערן אין דאָרף.

אָבער מין־לאַי האָט נישט געוואָלט פאַרלאָזן דאָס רייז־פעלד און דאָס זינג־פייגעלע, וואָס דער זיידע האָט אים איבערגעלאָזט.

— ווייסטו וואָס — זאָגט אים דער שטאָטישער מאַן — נעם מיט דאָס זינג־פייגעלע אין שטאָט.

— און דאָס פעלד? — פרעגט אים מין־לאַי.

— אויך דאָס פעלד וועט נישט פאַרלאָזט ווערן. איצט איז געקומען אַן אַנדער צייט. די ערד באַאַרבעטן אַלע צוזאַמען און די פרוכטן פון דער ערד צעטיילט מען צווישן די, וועלכע באַאַרבעטן זי; דיין פעלד וועט ווערן באַאַרבעט דורך די פויערים, וועלכע בלייבן אין דאָרף. קיי־נער וועט דיין רייז־פעלד נישט לאָזן פאַרוויסט ווערן.

אָבער מין־לאַי האָט אים ווידער געשטעלט אַ פראַגע:

— די אַנדערע פויערים וועלן באַאַרבעטן מיין רייז־פעלד און איך וועל באַקומען מיין חלק פון גערעטעניש?

— יאָ — האָט אים פאַרזיכערט דער שטאָטישער מאַן — דיר וועט קומען אַ חלק, אויב דו וועסט גוט אַרבעטן אין שול, ווייל דיין בילדונג און לערע וועט זיין נוצלעך נישט בלויז פאַר דיר אַליין, נאָר פאַר אַלע־מען. ווען דו וועסט צוריקקומען, וועסטו לערנען מיט זייערע קינדער און דו וועסט זיי גופא אויך אויסלערנען לייענען און שרייבן.

מין־לאַי איז אַוועקגעפאָרן אין דער גרויסער שטאָט. ער האָט גע־לערנט זייער פלייסיק. און ווען ער איז אין אַ פּאָר יאָר אַרום צוריקגע־קומען אין דאָרף, זיינען אים אַרויס אַנטקעגן די דאָרפישע לייט און אים באַגעגנט מיט פולע, שיין־געפאַרבענע טעפּ מיט רייז.

— מיר גיבן דיר, מין־לאַי — האָבן זיי געזאָגט — אַ פולע גאָב. גיב אונדז אויך פון דיינע קענטעניש.

מין־לאַי איז געוואָרן דער לערער פון זיין היימישן דאָרף.

איר פרעגט געוויס:

— און זיין זינג־פייגעלע?

— זיין זינג־פייגעלע האָט מין־לאַי אַרויסגעלאָזט אויף דער פריי. ער האָט געזאָגט: „איך בין געוואָרן אַ פרייער מענטש, זאָל אויך דאָס פייגע־לע זיין פריי".

אָבער יעדן פרימאָרגן פלעגט דאָס זינג־פייגעלע קומען צו פליען צו זיין פענצטער און אים זינגען לידער פון גליק און פון פרייהייט.

אין האָלאַנד אויף אַן אינדזל איז אַ ווינטמיל געשטאַנען

אין האָלאַנד, אויף אַן אינדזל, נישט ווייט פון דער דאַמבע, איז געשטאַנען אַ גרויסע ווינטמיל, מיט ברייטע, ריזיקע פליגלען, וועלכע דער ווינט, וואָס איז געקומען פון ים, ווו ער האָט אויפגעהויבן ריזיקע שוימיקע כוואַליעס, האָט געטריבן אָן שום אָפּשטעל, טאָג און נאַכט.

אין שטיבל, ביי דער מיל, האָט געלעבט דער מילנער, די מילנערקע און זייער קליין ייִנגעלע יאַן. זיי זיינען שוין געווען צוגעווינט צום גערויש פון די ים־כוואַליעס און צום געוואַי פונעם ווינט און דעריבער זיינען זיי ביינאַכט, ווען די ים־כוואַליעס האָבן זיך צעהוידעט נאָך שטאַרקער ווי אַלע מאָל און ווען דער ווינט איז געוואָרן ביז גאָר שטורעמדיק, געשלאָפן גאַנץ רואיק.

און פּלוצים איז געשען דאָס גרויסע אומגליק. די ים־כוואַליעס האָבן מיט שטורעם צעקרישלט די דאַמבע און זיך אַריינגעריסן אין קליינעם אינדזל. גאָר שנעל זיינען פאַרפלייצט געוואָרן אַלע קליינע הייזער. אפילו די אונטערשטע פליגלען פון דער גרויסער ווינטמיל זיינען פאַרזונקען געוואָרן אין וואַסער.

דער מילנער, די מילנערקע און זייער קליין ייִנגעלע יאַן מיט אייניקע שכנים האָבן זיך אַרויפגעקליבן גאָר, גאָר אויבן, אויפן סאַמע שפּיץ פון דער מיל. זיי האָבן אַדורכגעקוקט דורך דעם קליינעם פענצטערל און מיט ציטערניש געוואַרט און געהאָפט, אז די רעטונג־שיפלעך, וועלכע האָבן שוין געראַטעוועט פיל פאַמיליעס, זאָלן צוקומען אויך צו דער מיל און זיי אַרויספירן צו דער יבשה (טריקעניש).

עס איז אַוועק אַ שעה און צוויי און דריי, די כוואַליעס זיינען כסדר געשטיגן, אָט, אָט האָבן זיי שוין דערגרייכט דעם סאַמען שפּיץ פון דער גרויסער ווינטמיל און די רעטונג־שיפלעך זיינען נאָך נישט אָנגעקומען,

ווי מען וואָלט געהאַט פאַרגעסן אין מילנער און אין זיין גאַנצער פאַמיליע.

אָבער, קענטיק, אַז די רעטער האָב צוערשט געוואָלט ראַטעווען די מענטשן אויף די בוידעמער פון די קליינע הייזער און דערנאָך ערשט דעם מילנערס פאַמיליע, וועלכע האָט זיך געפונען אויפן שפּיץ פון מיל־טורעם.

נאָר אָט איז מיט אַ מאָל אָנגעקומען אַ גאָר הויכע כוואַליע, וואָס האָט זיך אויפגעהויבן מיט שטורעם ביזן סאַמע בוידעם־שטיבל פון דער

ווינטמיל, אַראָפּגעשמיסן די פליגלען און זיך געריסן דורכן קליינעם פענצטערל צום סאַמע שפּיץ פון מיל־טורעם.

אויף שנעל האָט דער מילנער פאַרמאַכט דאָס פענצטערל. די כוואַליעס האָבן געקלאַפּט אין די שייבלעך, אָבער, צום גליק, זיי נישט צעבראָכן.

איצט איז שוין די גאַנצע פאַמיליע פון מילנער געוואָרן ביז גאָר אומרואיק. די מילנערקע האָט אַ פאַרצווייפלטע געבראָכן מיט די הענט, דער קליינער יאַן האָט זיך פונאַנדערגעווײנט מיט ביטערע טרערן און יאַנס געטריי, שוואַרץ הינטל האָט זיך פונאַנדערגעבילט מיט אַזעלכע בילערייען, אַז עס האָט פאַרהילכט דעם גערויש פון די שטורעמדיקע כוואַליעס.

דערווייל איז אָנגעקומען אַ רעטונג־שיפל. די רעטער האָבן געזוכט די מיל, אָבער די פליגלען זיינען שוין געווען אַראָפּגעריסן און פון די

וואַסער־כוואַליעס האָט זיך קוים, קוים אַרויסגעזען דער שפּיץ פון מיל־טורעם; נאָך איין מינוט און אַלע וואָלטן פאַרזונקען געוואָרן אין די כוואַליעס פון שטורעמדיקן ים.

צום גליק, האָבן די רעטער דערהערט דעם הונטס בילערייען. שנעל זיינען זיי צוגעקומען מיט זייער שיפל צו דער מיל. און אין מאָמענט, ווען די צעהוידעטע כוואַליעס האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט עטוואָס נידעריקער, האָבן זיי דורכן קליינעם פענצטערל פון מיל־טורעם געראַטעוועט דעם מילנער, די מילנערקע און זייערע שכנים.

ווען עס איז געקומען די ריי צום קליינעם יאַן, וועמען זיין מאַמע האָט געוואָלט נעמען אין אירע אָרעמס, האָט ער נישט געוואָלט אַריין אין שיפל אָן זיין געטרייען שוואַרצן הינטל. ער האָט זיין הינטל פעסט צוגעדריקט צו זיין ציטערדיקן הערצל און איז אַראָפּ אין שיפל צוזאַמען מיט אים.

אין האָלאַנד, אויף אַן אינדזל, נישט ווייט פון דער דאַמבע, איז אַ ווינטמיל געווען, האָבן די כוואַליעס פון ים די פליגלען פאַרטראָגן, אָבער דער מילנער, די מילנערקע און זייער יינגעלע יאַן מיט זיין געטרייען הונט, זיינען צוריקגעקומען. מיט נייע כוחות האָבן זיי באַהערשט דעם ים און דעם ווינט...

מיט די בישוף־פליגלען
פון וואָרט

מיט די כישוף־פליגלען פון וואָרט

צום ערשטן מאָל אין איר לעבן האָט די קליינע זשאַקלין באַקומען אַ מתנה אַ בוך. דאָס בוך איז געווען געבונדן אין אַ שיינעם גרינעם איינבונד. אויפן גרינעם טאָוול איז געווען אויסגעמאָלט אַ בלאַנד, בלוי־אויגיק מיידעלע, וואָס האָט ווי אַ פייגעלע געשוועבט איבער הויכע בערג, איבער טיפע טאָלן, איבער געדיכטע וועלדער, איבער שטעט און דערפער, וואָס האָבן זיך געפונען גאָר אונטן, אונטערן בלויען הימל־געוועלב.

ס'איז דאָס ערשטע יאָר ווי זשאַקלין לערנט אין דער גרויסער שול און שוין האָט זי זיך אויסגעלערנט לייענען און שרייבן. אין איר קלאַס־בוך לייענט זי שוין גאָר פליסיק. זי קען שוין אַלע געשיכטעס אויף אויסנווייניק. אָבער איצט נעמט זיך זשאַקלין אַליין אַנטפּלעקן די וווּנדערלעכע געשיכטע, וואָס עס זאָגן איר די פּאַמעלעך, אָבער דייטלעך אַרויסגעלייענטע ווערטער פון איר נייעם בוך מיט אַזאַ שיינעם, גרינעם איינבונד. זשאַקלין לייענט אויפן קול: „איז געווען אַ מאָל אַ מיידעלע, האָט זי געוואָלט אַלץ וויסן און אַלץ קענען. זי האָט געוואָלט זיין אין אַלע לענדער, אין אַלע שטעט, אין אַלע דערפער, אין די געדיכטע וועלדער און אויף די הויכע בערג. און די וועלט איז אַזוי גרויס און דאָס מיידעלע — אַזוי קליין.

איז דאָס מיידעלע אַוועק צום אַלטן, קלוגן מאַן, וועמען אַלע קינדער האָבן גערופן מיטן נאָמען „זיידע־וואָרט" און אים געזאָגט:

— איך האָב געהערט — און אַלע קינדער ווייסן עס — אַז דו, דער אַלטער „וואָרט", פאַרמאָגסט אַזאַ כישוף, וואָס אַז מען נעמט עס אַריין אין די אויגן, צי אין די אויערן, קען מען דערמיט זען און הערן פון אַלץ אין דער וועלט. וויל מען — זעט מען דעם ווינטער, וויל מען — זעט מען דעם פרילינג. אַז מען וויל — דערוויסט מען זיך, ווי עס לעבן די גאָלדענע פישעלעך און אַז מען וויל — איז מען אין בויך פון גרויסן וואַל־פיש; וויל מען — זעט מען די בינען מאַכן האָניק און וויל מען — זעט מען, ווי עס קוועלט פון די טיפענישן פון דער ערד אַרויס דער

לויטערער, קרישטאָלענער קוואַל. איז עס טאַקע אמת, אַז דו קענסט מיר ווייזן, ווי עס קריכט דער וואָרעם און ווי עס פליט דער אָדלער? איז עס ריכטיק, אַז דו קענסט לערנען, ווי עס אַרבעט אין די טיפענישן פון דער ערד דער קוילנגרעבער און ווי ס'בויט פּאַלאַצן און טורעמס דער מויערער? איך, די קלייניניקע זשאַקלין, וויל אַלץ זען, איך וויל אַלץ וויסן. איך בעט דיר, טייערער, גוטער זיידע, זאָג מיר אויס דיין סוד, דיין כישוף וויל איך!...

דער אַלטער „זיידע־וואָרט" האָט מיט אַ ליבן שמייכל אָנגעקוקט דאָס קליינע מיידעלע. ער האָט אַ בליק געטאָן אין אירע בלויע אויגן און ער האָט באַלד דערזען, אַז אַזעלכע אויגן ווי ס'קינד פּאַרמאָגט, ווילן טאַקע

זען און זען סיי דאָס, וואָס איז נאָענט און סיי דאָס, וואָס איז ווייט; סיי דאָס, וואָס איז טיף און סיי דאָס, וואָס איז הויך.

— גוט — האָט דער אַלטער זיידע געענטפערט — איך גיב דיר דאָס „ערלעכע וואָרט".

— דאָס וואָרט, אַז וואָס? — פרעגט דאָס מיידעלע.

— דאָס וואָרט אין שריפט, מיין קינד — האָט איר געענטפערט דער זיידע — און איצט ווייסטו דעם „כישופדיקן סוד"...

זשאַקלין האָט געלייענט איין מאָל און צוויי מאָל און דריי מאָל דאָס ערשטע בוך, וואָס זי האָט באַקומען אַ מתנה. און זינט דעמאָלט שוועבט זי מיטן וואָרט איבער דער וועלט, ווי אַ פייגעלע מיט אירע כישופדיקע פליגלען.

דאָס ווונדערלעכע פייפעלע

אמאָל, גאָר אַמאָל איז עס געווען, ווען אין ירושלים איז געשטאַנען דער גרויסער, יידישער הייליקער פּאַלאַץ, דער בית־המקדש. זיינען אין פּאַלאַץ געווען פיל מוזיקער, וואָס האָבן געשפּילט אויף פיל מוזיק־אינסטרומענטן; אויף האַרפעס, אויף פידלען, אויף פלייטן און צווישן אַלע שיינע מוזיק־אינסטרומענטן איז געווען אַ ווונדערלעך פייפל.

דאָס פייפל איז געווען פון האָלץ, אַ פּוסטער האָלץ־רער, מיט אייניקע קליינע עפענונגען. אָבער די קלאַנגען פונעם פייפל האָבן אַלעמען באַצויבערט.

פון ווייט, ווייט, פון די בערג און טאָלן פון יידישן לאַנד איז מען געקומען הערן די ווונדערלעכע מוזיק פון דעם פשוטן פייפל. אַלע האָבן עס באַוווּנדערט. איין מאָל האָט דער קעניג זיך צוגעהערט צו דער מוזיק און ער איז אויך געוואָרן פאַרכישופט פון די קלאַנגען.

האָט באַפוילן דער קעניג, מען זאָל אים באַווייזן דעם ווונדערלעכן מוזיק־אינסטרומענט. האָט מען געטאָן, ווי דער קעניג האָט באַפוילן.

איז דער קעניג געוואָרן דערשטוינט, זעענדיק דאָס פייפל. ס'איז געווען אַ פּוסטער הילצערנער רער. נישט מער.

— זאָל מען דאָס פייפל באַדעקן מיט גאָלד און מיט גינגאָלד, זאָל מען עס באַצירן מיט טייערע איידלשטיינער! — האָט באַפוילן דער קעניג.

האָט מען געטאָן, ווי דער קעניג האָט געהייסן. האָט מען גערופן דעם בעסטן גאָלדשמיד, דעם בעסטן בריליאַנטן־שלייפער, דעם בעסטן צירונג־מייסטער און די קינסטלער האָבן אויסגעפּוצט דאָס פשוטע פייפל, אַז ס'איז עס נישט געווען צו דערקענען. עס האָט זיך גאַרנישט געוואָלט גלייבן, אַז דאָס איז געווען אַ פּראָסטער, פּוסטער האָלץ־רער.

האָט מען געבראַכט דאָס פייפל אין בית־המקדש, מען האָט גענומען שפּילן אויף דעם פייפל, נאָר דאָס פייפל האָט שוין מער קיינעם נישט באַצויבערט. עס האָט געשפּילט, נאָר דער כישוף איז אַוועק.

לויט אַן אַלטער יידישער אגדה.

דער אַלטער מאַן און זיין געמעל

עס איז געווען אַמאָל אין אַ ווייטן לאַנד אַ קלוגער מאַן. ער איז געווען אַזוי באַרימט מיט זיין קלוגשאַפט, אַז פון אומעטום, פון אַלע עקן וועלט פלעגט מען קומען צו אים פרעגן קלוגע עצות. ער איז געווען זייער אַ גוטער און ער פלעגט קיינעם נישט אָפּזאָגן אויפצונעמען, אָבער וואָס עלטער ער איז געוואָרן, אַלץ מער באַרימט איז ער געוואָרן און וואָס מער ער איז באַרימט געוואָרן, אַלץ מער מענטשן זיינען געקומען צו אים. אַזוי פיל מענטשן זיינען געקומען, אַז ער האָט שוין ביי זיין בעסטן ווילן נישט געקענט אַלעמען אויפנעמען און יעדן געבן אַ קלוגע עצה.

איז ער דאָך אָבער געווען אַ קלוגער מאַן, האָט ער זיך פאַרקלערט און געזוכט אַ מיטל, ווי אַזוי אַלע מענטשן זאָלן קענען געפינען זיין ראָט.

ער האָט לאַנג און לאַנג געטראַכט און טראַכטנדיק אַזוי וועגן אַלע פאַרשידענע מענטשן, וועלכע פלעגן קומען צו אים אין לויף פון לאַנגע יאָרן, צו הערן זיינע קלוגע רייד, האָט ער אויסגעפונען, אַז אַלע מענטשן ווילן איינס: לעבן אין פרידן און אין גליק.

האָט דער קלוגער מאַן גענומען זיין גרויסע גענדזענע פעדער און אָנגעשריבן אויף אַ ווייסן פאַרמעט אייניקע ווערטער און אָנגעזאָגט אַלע זיינע שטוב־מענטשן:

— אָט די דאָזיקע ווערטער מיינע זאָלט איר ווייזן אַלע מענטשן, וואָס וועלן קומען מיר פרעגן, ווי אַזוי צו לעבן אין פרידן און אין גליק. און אויב זיי קענען נישט לייענען, זאָלט איר זיי פאַרלייענען אויפן קול, און אויב זיי פאַרשטייען נישט אונדזער שפּראַך — זאָלט איר זיי פאַר־טייטשן אויף זייער שפּראַך.

איז גראָד געווען צווישן זיינע נאָענטע פריינט אַ מאַן, וואָס האָט ליב געהאַט צו צייכענען און צו מאָלן אויף די פאַרמעטן און אויף די ווענט אַלערליי בילדער און געשטאַלטן. זאָגט ער צום קלוגן מאַן:

„זאָג מיר דיין געדאַנק און איך וועל אים אויסמאָלן אויף דער גרויסער וואַנט, וועסטו זען, אַז אַלע מענטשן פון אַלערליי לענדער און שפּראַכן וועלן אים פאַרשטיין".





האָט אים דער קלוגער מאַן געענטפערט מיט אָט די ווערטער:

— איר ווילט גליק, איר ווילט פרידן — טוט נישט דעם צווייטן, וואָס איר ווינטשט נישט, מען זאָל אייך גופא טאָן.

דער מאָלער האָט געקלערט דריי נעכט און דריי טעג און נישט געקענט באַקלערן, ווי אַזוי ער זאָל עס אויסמאָלן, אַז אַלע מענטשן

זאָלן עס פאַרשטיין. איז ער געקומען צום קלוגן מאַן און אים געפרעגט אַן עצה, וואָס ער זאָל אויסמאָלן.

רופט זיך אָפּ צו אים דער אַלטער קלוגער מאַן:

— מאָל אויס מענער און פרויען און קינדער פון אַלע פאַרבן און פון אַלע ראַסן. אַלע געבן זיך די הענט. און אין גרויסן געפלעכט פון אַלעמענס הענט, וואָס זעט אויס ווי אַ בונטע נעסט, פליט אַראָפּ מיט אַן איילבירט־בלאַט אין שנאָבל אַ ווייסע טויב.

דער אַלטער קלוגער מאַן פון ווייטן לאַנד איז שוין לאַנג געשטאָרבן, אָבער זיין געבאָט איז געבליבן. און געגעבן האָט דאָס דאָזיקע געבאָט דער גרויסער יידישער געלערנטער, וואָס האָט געלעבט מיט אײַבער צוויי טויזנט יאָר צוריק, הלל.

דער קלעזמער און דער ווינט

אין אַ ווייטן לאַנד, ביי אַ ברייטן שטראָמיקן בלויען טייך, האָט געלעבט אַמאָל אַן אַלטער אָרעמער קלעזמער. ער האָט געהאַט אַן אַלט פידעלע און געשפילט האָט ער אויפן פידעלע אַזעלכע וווּנדערלעכע לידער און אַזעלכע צויבערדיקע ניגונים, אַז אַלע מענטשן, אַלע קינדער און אפילו די שטוביקע חיות, די הינט און די קעץ און אפילו די גרילן, אפילו די פליגן פלעגן הערן זיין שפילן פאַרגאַפטע און פאַרצויבערטע, הערן און שווייגן, שווייגן און טיף זיך פאַרקלערן...

איז איין מאָל געקומען צום אָרעמען קלעזמער אַ רייכער מאַן, אָנגעטאָן ווי אַ פּרינץ און אויסגעפּוצט מיט גאָלד און בריליאַנטן, אויף אַלע זיינע פינגער גראָבע רינגען מיט דימענטן און סאַפירן און אפילו די קנעפּ פון זיין ראָק זיינען געווען ווי בריליאַנטענע איידלשטיינער.

האָט דער רייכער מאַן געהערט שפילן דעם אָרעמען קלעזמער, האָט ער געעפנט מויל און אויערן און איז געווען אַזוי פאַרכישופט, אַזוי באַצויבערט און אַזוי טיף פאַרקלערט, אַז ער האָט אַזש פאַרגעסן וועגן זיינע גרויסע געשעפטן, צוליב וועלכע ער איז געקומען אין ווייטן לאַנד און זיך פאַרטרוימט אין וווּנדערלעכע טרוימען...

איין מאָל זאָגט דער רייכער מאַן צום אָרעמען קלעזמער:

— איך וועל דיר אָפּגעבן אַ העלפט פון מיין פאַרמעגן, איך וועל דיך אויספּוצן אין סאַמעט און אין זייד, איך וועל דיר שענקען דימענטן און בריליאַנטן. קום מיט מיר. פאַרלאָז דעם טייך דעם ברייטן און דעם בלויען, פאַרלאָז דיין היים, די גרויע און די אָרעמע. קום צו מיר — אין פּאַלאַץ וועסטו וווינען, וועסט שפילן בלויז פאַר מיר, פאַר מיר אַליין.

דער אָרעמער קלעזמער האָט גענומען זיין פידעלע, עס אַריינגעלייגט אין פאַרשטויבטן שייד און מיטן וווּנדערלעכן אינסטרומענט אונטערן אָרעם איז ער אַרויף אויף אַ שיף, וואָס איז געשוואומען איבער דעם ברייטן, בלויען טייך.

דער רייכער מאַן האָט אים באַפוילן, ער זאָל שפּילן אַ ליד פון זיי־נע לידער. דער אָרעמער קלעזמער האָט אַרויסגענומען פון שייד זיין פי־דעלע, עס צוגעדריקט צום האַרצן, גענומען זיין סמיטשיק און געוואָלט נעמען שפּילן. איז פּלוצים אָנגעקומען אַ ווינט אַ בייזער, אַ צאַרנדיקער און אַרויסגעריסן פון זיין האַנט דאָס פידעלע און עס פאַרוואָרפן אין די טיפענישן פון בלויען טייך...

אַ פידעלע אַריין, אַ פידעלע אַרויס — די מעשה איז אויס.

די קעניגין און דער ערלעכער גנעלערנטער

אַ מאָל, גאָר אַמאָל, איז אויף אַן אינדזל אין מיטן דעם גרויסן, בלויען ים געווען אַ קליין, אָבער רייך קעניגרייך. איבער דעם קעניגרייך האָט געקיניגט אַ קעניגין, וואָס האָט פאַרמאָגט פיל בריליאַנטן, דימענטן און די שענסטע פּערל אין דער וועלט.

איין מאָל האָט די קעניגין פאַרלוירן איינעם פון אירע שענסטע בריליאַנטן. זי האָט גלייך אַרויסגעלאָזט אַ רוף צו אַלע אונטערטאַנען פון איר קעניגרייך, אין וועלכן זי האָט אַנגעזאָגט:

ווער עס וועט געפינען דעם בריליאַנט און אים אָפּגעבן פ אַ ר דרייסיק טעג, וועט באַקומען זייער אַ רייכע מתנה. און דער, וואָס וועט געפינען דעם בריליאַנט און אים אָפּגעבן נ אָ ך די דרייסיק טעג, וועט ווערן באַשטראָפט מיט טויט־שטראָף.

גראָד האָט דעם פאַרלוירענעם גרויסן בריליאַנט פון דער קעניגין געפונען אַ קלוגער יידישער געלערנטער, וואָס איז צופעליק געווען געקומען צו אַ באַזוך אויפן דאָזיקן אינדזל. ער האָט, פונקט ווי אַלע איינוווינער פון דעם קעניגרייך, געהערט דעם קעניגלעכן באַפעל וועגן פאַרלוירענעם בריליאַנט, אָבער אַנשטאָט אים אָפּצוגעבן פ אַ ר די דרייסיק טעג, איז ער געקומען אין קעניגלעכן פּאַלאַץ מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער.

די קעניגין איז געווען זייער צופרידן צוריק צו געפינען איר פאַר־לוירענעם גרויסן בריליאַנט, אָבער פונדעסטוועגן האָט דער הויף־מאַרשאַל געוואָלט אויספירן דער קעניגינס באַפעל און פאַרמשפּטן דעם יידישן געלערנטן צום טויט, ווייל ער האָט אים אָפּגעגעבן נ אָ ך די דריי־סיק טעג.

אָבער דער יידישער געלערנטער האָט פאַרלאַנגט, מען זאָל אים צולאָזן צו דער קעניגין.

— איך וויל איר אויפקלערן, פאַרוואָס איך האָב אָפּגעגעבן דעם

פארלוירענעם בריליאַנט נאָך די דרייסיק טעג — האָט ער געזאָגט צום הויף־מאַרשאַל.

— גוט — האָט געזאָגט דער הויף־מאַרשאַל פון דער קעניגין — זאָל מען אים צופירן צום קעניגלעכן טראָן און זאָל ער דערקלערן, פאַרוואָס ער האָט נישט אָפּגעגעבן דעם בריליאַנט פ א ר די דרייסיק טעג.

ווען דער יידישער געלערנטער איז אַריינגעפירט געוואָרן אין קעניגלעכן טראָן־זאַל, האָט ער זיך פאַרנייגט און געזאָגט צו דער קעניגין :

— איך האָב געקענט אָפּגעבן דעם בריליאַנט פ אַ ר די דרייסיק טעג, נאָר איך האָב בכיוון אים אָפּגעגעבן שפּעטער.

— אַזוי גאָר ?! — האָט זיך מיט צאָרן אָפּגערופן די קעניגין.

— יאָ — האָט איר געענטפערט מיט אַ רואיקער שטימע דער יידישער געלערנטער — איך האָב געוואָלט אָפּגעבן נ אָ ך די דרייסיק טעג, כדי צו באַווייזן, אַז נישט צוליב דער צוגעזאָגטער מתנה און נישט צוליב מורא פאַר דער שטראָף גיב איך אָפּ דאָס, וואָס איך האָב געפונען, נאָר דערפאַר, ווייל איך בין אַן ערלעכער מאַן.

די קעניגין האָט דעם יידישן געלערנטן געלויבט פאַר זיין ערלעכקייט און אים געשאָנקען פיל שיינע און ווערטפולע זאַכן.

דער קלוגער פּאַסטוך

אין אַ לאַנד אַ ווייטן, אין די גאָר אַלטע צייטן האָט געלעבט אַ קעניג, וואָס האָט געהערשט מיט קלוגשאַפט און געוויסן. איין מאָל האָט דער קעניג געהערט, אַז אין זיין לאַנד געפינט זיך אַ יונגער פּאַסטוך, וואָס האָט אַ נאָמען אין גאַנצן געגנט ווי דער קליגסטער פון אַלע מענטשן.

דער קעניג, וואָס האָט געוואָלט האָבן קלוגע ראַטגעבער, האָט געלאָזט רופן דעם יונגן פּאַסטוך צו זיך אין פּאַלאַץ און אים געזאָגט:

— איך וועל דיר שטעלן דריי פראַגן. אויב דו וועסט מיר זיי קלוג פאַרענטפערן, מאַך איך דיך פאַר מיין ערשטן ראַטגעבער.

— גוט, זאָגט דער יונגער פּאַסטוך. איך וועל ענטפערן לויט מיין פאַרשטאַנד.

פרעגט אים דער קעניג:

— וויפל טראָפּנס וואַסער זיינען אין ים פאַראַן?

— דאָס איז זייער לייכט צו וויסן, ענטפערט דער פּאַסטוך. זאָל נאָר דער קעניג באַפוילן אָפּצושטעלן אַלע וואַסערן, וואָס לויפן אין ים, וועל איך איבערציילן די וואַסער־טראָפּנס.

שטעלט אים דער קעניג אַ צווייטע פראַגע:

— זאָג מיר נאָר, קלוגער פּאַסטוך, וויפל שטערן זיינען אין הימל פאַראַן?

— ס'איז זייער לייכט צו וויסן, ענטפערט אים דער קלוגער פּאַסטוך. זאָל נאָר דער קעניג מיר אויפשטעלן אַ לייטער, וואָס זאָל קענען דערלאַנגען ביז צום בלויען הימל־געוועלב, ביז צו די שטערן. איך וועל זיך נעמען ציילן און אַז איך וועל האָבן אויסגעציילט, וועל איך אייך זאָגן גענוי די צאָל, אָבער צוערשט זאָל דער קעניג מיר שאַפן אַ שטערן־לייכטער.

— דו ביסט קלוג, זאָגט אים דער קעניג מיט אַ שמייכל, אָבער איצט וועל איך דיר בעטן מיר צו ענטפערן אויף דער דריטער פראַגע:

— וויפל סעקונדן איז דאָ אין דער אייביקייט?

ענטפערט אים דער יונגער פּאַסטוך:

— ווייט פון דאַנען איז אַ באַרג פּאַראַנען. ער איז הויך און לאַנג און ברייט. איין מאָל אין טויזנט יאָר קומט צום באַרג אַ פויגל צו פליען און ער רייבט אָפּ זיין שנאָבל אין הויכן באַרג. ווען דער באַרג וועט

דורך דעם פויגלס שנאָבל ווערן אין גאַנצן אָפּגעריבן, וועט דעמאָלט זיין איין סעקונדע פון דער אייביקייט.

דעם קעניג זיינען די ענטפערס פון קלוגן פּאַסטוך זייער געפעלן געוואָרן און ער האָט אים באַשטימט אַלס זיין ערשטן ראַטגעבער.

אין אַ לאַנד אַ ווייטן, אין די גאָר אַלטע צייטן איז געווען אַ קעניג און געלעבט האָט אַ פּאַסטוך. דער קעניג איז אַראָפּ, דער פּאַסטוך איז אַרויף און צו דער מעשה האָט גענומען אַ סוף.

לויט אַן אַלטער פאָלקס־מעשה.

דער פּרינץ, וואָס האָט געזוכט די נעכטיקע טעג

(אַ מעשהלע צו ניי־יאָר)

קינדער, צום נייעם יאָר וועל איך אייך דערציילן אַ מעשה מיט נעכטיקע טעג. די מעשה הייבט זיך אָן מיט אַ קעניג־לעכן פּרינץ, אַ זון פון אַ מעכטיקער קעניגין, וועלכער איז געווען באַשטימט צו טראָגן אויף זיין קאָפּ די קרוין פון דעם גאַנצן קעניגרייך. אַ קרוין־פּרינץ איז ער געווען.

איין מאָל, דאָס איז געווען פּונקט צום אָנקום פון נייעם יאָר, האָט דאָס יינגעלע, דער פּרינץ, זיך פונאַנדערגעוויינט. זיינען באַלד אָנגעקומען די קעניגלעכע ראַטגעבער, דעם פּרינצס דערציער און הויף־דאָקטוירים.

— פּרינץ, וואָס וויינסטו? ביסטו קראַנק? עס טוט דיר וויי דער קאָפּ? אפשר גאָר דאָס האַרץ? — האָט מען אים געפרעגט.

— יאָ, יאָ — ענטפערט דער פּרינץ — עס טוט מיר טאַקע וויי אין האַרצן. איך וויל זיך נישט שיידן מיטן פאַרגאַנגענעם יאָר. איך וויל בלייבן מיט די נעכטיקע טעג.

האָט דער עלטסטער פון אַלע קעניגלעכע דערציער געזאָגט צום פּרינץ:

— פּרינץ, די נעכטיקע טעג קומען נישט צוריק, זיי פליען אַוועק אין דער פאַרגאַנגענהייט.

— וויל איך זיין אין דער פאַרגאַנגענהייט — ענטפערט מיט אַ קאַ־פּריזנער, וויינענדיקער מינע דער פּרינץ.

— גוט — רופט זיך אָפּ דער קעניגלעכער הויף־מייסטער — איך האָב אין מיין גרויסן קעניגלעכן פּנקס פאַרשריבן אַלע געשעענישן פון דיין לעבן. טאָג־איין, טאָג־אויס האָב איך געשריבן אַלץ, וואָס דו האָסט

געזען, אַלץ, וואָס דו האָסט געהערט, אַלץ, וואָס דו האָסט געטאָן. ווילסטו, פּרינץ, וועל איך דיר פֿאַרלייענען פֿונעם פּנקס.

— לייען! — באַפֿוילט דער פּרינץ.

עפֿנט דער קעניגלעכער שרייבער דעם גרויסן פּנקס און ער בלעטערט די בלעטער פֿון נעכטיקע טעג. ער לייענט:

„אין ערשטן טאָג פֿונעם נייעם יאָר האָט דער פּרינץ זיך פֿאַרבענקט נאָך דעם אַלטן יאָר. האָט מען גערופֿן דעם קעניגלעכן שרייבער און מען האָט אים פֿאַרגעלייענט פֿונעם פּנקס פֿון יאָר, וואָס איז אַוועק. און עס זיינען פֿאַר די אויגן פֿונעם פּרינץ אויפֿגעלעבט געוואָרן די נעכטיקע טעג."

דער פּרינץ האָט אויפֿמערקזאַם געהערט און איז אַזוי שטאַרק פֿאַרזונקען געוואָרן אין דעם נעכטן, אַז ער האָט גאָרנישט באַמערקט, ווי עס איז אָנגעקומען דער נייער טאָג פֿון נייעם יאָר.

ערשט אויף מאָרגן, ווען אַלע שטערן אויפֿן הימל זיינען שוין געווען אויסגעלאָשן און ווען עס האָבן זיך שוין גענומען באַווייזן די ערשטע שטראַלן פֿון צווייטן טאָג פֿון נייעם יאָר, האָט דער פּרינץ זיך דערמאָנט, אַז ס'איז אָנגעקומען דאָס נייע יאָר מיטן נייעם טאָג. האָט ער געלאָזט רופֿן דעם קעניגלעכן הויף־מאַרשאַל און אים באַפֿוילן צו ברענגען דעם פֿאַרגאַנגענעם טאָג פֿון נייעם יאָר. דער הויפּט־מאַרשאַל האָט אים געזוכט און געזוכט, אָבער ער האָט אים נישט געפֿונען. דער ערשטער טאָג פֿון נייעם יאָר איז שוין געווען פֿאַרשוווּנדן אין דער פֿאַרגאַנגענהייט.

איז דער פּרינץ בייז געוואָרן און שטרענג באַפֿוילן, מען זאָל אים אויפֿזוכן דעם נעכטיקן טאָג. האָט מען פֿונאַנדערגעשיקט קעניגלעכע שליחים אין אַלע עקן וועלט און זיי האָבן דעם נעכטיקן טאָג געזוכט אומעטום, אַפֿילו אין לאַנד, וואָס געפֿינט זיך הינטער די פֿינצטער'ע בערג. זיי האָבן געזוכט און געזוכט, אָבער אים נישט צוריקגעפֿונען.

איז דער פּרינץ געוואָרן נאָך בייזער. איצט האָט ער שוין מיט קולות גערופֿן, געשריען: „גיט מיר אָפּ מיין נעכטיקן טאָג! מיין נעכטיקן טאָג וויל איך!"

אָבער וואָס מער דער פּרינץ האָט געזוכט דעם נעכטן, אַלץ ווייטער איז פֿון אים אַוועק דער היינט.

און דער סוף פֿון דער מעשה איז געווען: דער קרוין־פּרינץ האָט געזוכט דעם נעכטיקן טאָג און די צייט איז געגאַנגען פֿאָרויס, פֿון נעכטן צום היינט און פֿון היינט צום ליכטיקן מאָרגן.

אַ יאָר אַריין, אַ יאָר אַרויס, די מעשה איז אויס.

דער האָלצהעקער, דער וואָלף און די זון

אין דרויסן איז געווען קאַלט, אַ פראָסט, אָבער אין שטוב איז געווען גאַנץ וואַרעם. זייַנען די קינדער געזעסן אַרום און אַרום דער אַלטער באַבעשי און זי האָט זיי דערציילט אַ געשיכטע פון אַמאָליקע צייטן: געווען איז אַמאָל אַ מאַן, איז ער געווען זייער אָרעם, זיין גאַנץ פאַרמעגן איז געווען זיין האַק און זיין שליטל. אין די קאַלטע ווינטערדיקע פרימאָרגנס פלעגט דער אָרעמער מאַן יעדן באַגינען אוועקגיין מיט זיין האַק און מיט זיין שליטל אין געדיכטן וואַלד און דאָרטן פלעגט ער צעהאַקן גרויסע, דיקע ביימער־שטאַמען אויף דינערע האָלץ־שטיקער און זיי אָנלאָדן אויף זיין שליטל.

בייטאָג פלעגט דער אָרעמער האָלץ־העקער קומען מיט זיין שליטל אין שטאָט, פאַרקויפן זיין האָלץ און פאַרן געלט קויפן ברויט.

איין מאָל, ווען דער אָרעמער האָלץ־העקער איז געקומען אין וואַלד אַריין מיט זיין שליטל און אַרויסגענומען פון זיין רויטן גאַרטל זיין שווערע האַק, האָט ער דערזען, ווי אַנטקעגן אים איז אָנגעקומען אַ גרויסער, בייזער וואָלף. דער וואָלף האָט געשטשירעט מיט זיינע ציין און זיינע אויגן האָבן געפלאַמט ווי שטורקאַצן.

דער וואָלף איז הונגעריק געווען און מיט שנעלע טריט האָט ער זיך געלאָזט צום אָרעמען האָלץ־העקער.

וואָלט דער האָלץ־העקער זיך געהאַט פאַרלוירן פון שרעק, וואָלט ער שוין לאַנג געווען אויפגעפרעסן פון בייזן, הונגעריקן וואָלף, אָבער דער האָלץ־העקער איז געבליבן רואיק און קאַלטבלוטיק. ער האָט געוווסט, אַז אַ וואָלף האָט מורא פאַר פייער, האָט ער שנעל גענומען דינע, טרוקענע צווייגן און זיך געקליבן אָנצוצינדן אַ פייער. אָבער צום אומגליק, האָט ער געזוכט און געזוכט אין זיינע קעשענעס שוועבעלעך און נישט געקענט געפינען קיין איינע; ער האָט פאַרגעסן זיינע שוועבעלעך, ווייזט אויס, אין זיין אָרעם שטיבל. און דאָ קומט צו דער בייזער וואָלף אַלץ נעענטער און נעענטער. דער האָלץ־העקער הערט זיינע שווערע

טריט, ער זעט זיינע צעפלאָמטע בליקן. איצט ווערט ער שוין אומרואיק, עס גייט אים אַדורך אַ ציטער איבערן לייב... אָט, אָט קומט אָן דער וואָלף, אָט אָט וועט ער ווערן צעריסן און צעביסן...

געראַטעוועט האָט דעם האָלץ־העקער די זון. זי האָט פון אויבן זיך צוגעקוקט דורך די ביימער־געצווייגן צו דער שרעק פון אָרעמען האָלץ־העקער. זי האָט תיכף אַרויסגעשיקט אַ גאַנצן בינטל מיט גליאיקע שטראַלן אויף דער גלאַנציקער, אייזערנער האַק פונעם האָלץ־העקער. די האַק האָט אויסגעזען ווי אַ גרויסער פלאַם־פייערדיקער שטורקאַץ, וואָס האָט מיט זיינע שטראַליקע שפּיזן דורכגעשטאָכן דעם גאַנצן געדיכטן וואַלד.

דער וואָלף איז שוין געווען גאָר נאָענט צום שליטל פון האָלץ־העקער, ער האָט אַ רעווע געטאָן און זיין ריטשען האָט בייז אָפּגעהילכט אַרום און אַרום אין גאַנצן געדיכטן וואַלד.

נאָר פלוצלונג האָט דער וואָלף דערשפּירט אין זיינע בייזע אויגן די שטראַלנדיקע שפּיזן פון דער צעזוניקט־צעפלאָמטער האַק. ווי געטראָפן פון אַ שטאָלענעם שפּיז, האָט דער וואָלף, אַ מוראדיק דערשראָקענער, גענומען לויפן אויף צוריק, וואָס ווייטער און ווייטער פון דער פייערדיקער האַק.

דער אָרעמער האָלץ־העקער האָט אויפגעהויבן זיין האַק צום הימל־געוועלב און ווי ער וואָלט געוואָלט באַדאַנקען די גוטע זון, האָט ער זי אַ שליידער געטאָן גאָר, גאָר הויך אַריבער די שפּיצן פון די ביימער. און ווען זיין האַק איז צוריק צו דער ערד אַראָפּגעפאַלן, האָט זי זיך צעגלאַנצט נאָך מער ווי פריער. זי האָט אָנגעזאָגט דעם אָרעמען האָלץ־העקער אַ פריילעכע בשורה: דער ווינטער גייט באַלד אַוועק. עס קומט אָן דער זוניקער פרילינג...

דער כיטרער פוקס און די שטילע פיש

דאָס איז געווען אין אַ קאַלטן, פראָסטיקן ווינטערדיקן טאָג. די וואַסערן פון די טייכן זיינען געווען קאַלט ווי אייז, איז דער קעניג פון די פיש, וואָס האָט געלעבט אין אַן אונטער־וואַסערדיקן קרישטאָלענעם פאַלאַץ, געוואָרן געפערלעך קראַנק. האָבן די פיש, די קעניגלעכע באַדינער, געלאָזט רופן די גרעסטע פיש־דאָקטוירים. זיינען זיי געקומען צו שווימען צום קעניגלעכן פאַלאַץ, באטראכט דעם קעניג פון די פיש און אַזוי געזאָגט:

— דער קעניג איז געפערלעך קראַנק. עס איז דאָ איין מיטל אים צו ראַטעווען — מען דאַרף אים געבן עסן דאָס האַרץ פון אַ זילבערנעם פוקס.

זיינען הונדערטער, טויזנטער, מיליאָנען פיש געשוואומען צו די ברעגן פון אַלע טייכן און פון אַלע ימים זוכן אַ זילבערנעם פוקס. זיינען זיי געשוואומען דריי טעג און דריי נעכט, ביז זיי האָבן באַגעגנט אויפן ברעג פון אַ געדיכטן, מיט שניי־באַדעקטן וואַלד אַ שיינעם, זילבערנעם פוקס מיט אַ ברייטן, געדיכט־באַהאָריקטן עק.

האָבן די פיש שטיל און געלאַסן געזאָגט צום פוקס:

— ליבער, טייערער, זילבערנער פוקס, אונדזער קעניג איז קראַנק, געפערלעך קראַנק. מעגלעך, אַז ער איז שוין געשטאָרבן. אַלנפאַלס וועט ער שוין לאַנג נישט לעבן. זיינען מיר געקומען צו דיר, דיך בעטן, דו זאָלסט באַוויליקן אָנצונעמען די קרוין פון זילבערדיקע שופן און צו ווערן אונדזער הויך־געאַכפערטער קעניג.

דער זילבערנער פוקס האָט כיטרע אַ שמייכל געטאָן און דערנאָך האָט ער אַ שאָקל געטאָן מיט זיין ברייטן, געדיכט־באַהאָריקטן עק און געענטפערט:

— ווי אַזוי זאָל איך ווערן אייער קעניג, אַז איך קען נישט ליגן אין וואַסער? איר ווילט מיך דערטרינקען?

— אַ, ניין! — האָבן געענטפערט שטילערהייט די פיש און די פישלעך — מיר וועלן אויסשפרייטן פאַר דיר אַ ברייטן געלעגער אויף דעם רוקן פונעם וואַלפיש און ער וועט דיך צופירן, שווימענדיק, אין די טיפע וואַסערן צום קרישטאָלענעם קעניגלעכן פּאַלאַץ.

— גוט — האָט געענטפערט דער זילבערנער פוקס. און זיך גע־לאָזט פאַרפירן פון די שטילינקע פיש און פישלעך.

אויפן וועג צום קרישטאָלענעם פּאַלאַץ, שווימענדיק אויפן רוקן פונעם גרויסן וואַלפיש, דערהערט דער זילבערנער פוקס ווי אינעם בויך פון דעם גרויסן פיש שמועסן צווישן זיך פיל קליינע פישלעך, אַז דער

פיש־קעניג איז געפערלעך קראַנק, אַז ער וועט קענען געזונט ווערן נאָר דעמאָלט, ווען ער וועט אויפעסן דאָס האַרץ פון אַ זילבערנעם פוקס.

דערהערט אַזעלכע ווערטער, קלערט דער פוקס, ווי אַזוי צו ראַטעווען זיין לעבן. איז ער דאָך זייער כיטרע, פאַלט אים איין אַזאַ מין געדאַנק.

— וואַלפיש — רופט ער זיך אָפּ — דו ווייסט, איך פיל זיך זייער שלעכט, איך שפּיר, אַז איך גיי אויס, עס עקט זיך מיין לעבן.

— וואָס איז? — ענטפערט פאַרחידושט דער וואַלפיש, און ער באַשפּריצט דעם פוקס מיט קאַלטן, געזאַלצענעם וואַסער.

— מיר איז שלעכט, זייער שלעכט — ענטפערט אים דער כיטרער, זילבערנער פוקס — איך האָב פאַרגעסן מיין האַרץ אין מיין נאָרע, אין די געדיכטעניששן פון טיפן וואַלד.

— אַזוי גאָר?! — פרעגט דער וואַלפיש — לאָמיר שווימען צוריק צום ברעג, וועסטו צוריקגיין אין דיין נאָרע און מיטנעמען דיין האַרץ.

ווען דער זילבערנער פוקס איז צוריקגעקומען צום ברעג, איז ער גיך, גאָר גיך, שאָקלענדיק מיט זיין ברייטן עק, אַוועקגעלאָפֿן צו זיך אין דער נאָרע. אומזיסט האָבן געוואַרט און געוואַרט אויף אים דער ריזי־קער וואַלפיש, די גרויסע פיש און די קליינע פישלעך. ער איז שוין מער בישט צוריקגעקומען...

זינט דעמאָלט שווימען די פיש אַרום אין די וואַסערן שטום און פאַרטרויערט און דער זילבערנער פוקס זיצט אין זיין נאָרע און ער שמייכלט מיט אַ כיטרען שמייכל...

די כעלמער פליגלדיקע וואַסערמיל

איז געווען אַמאָל אַ שטאָט כעלם. אַ שטאָט געווען מיט פיל קלוגע לייט, מיט די באַוווסטע כעלמער חכמים. טרעפט זיך איין מאָל אַזאַ מין געשיכטע: איינער פון די כעלמער חכמים איז געווען אַרויסגעפאָרן אין אַ ווייטער שטאָט, האָט ער דאָרטן געזען אַ גרויסע מיל מיט גרויסע פליגלען, אַ ווינטמיל, וואָס האָט געמאָלן קאָרן און ווייץ און געגעבן מעל פאַר דער גאַנצער שטאָט.

טראַכט דער כעלמער חכם: מיר כעלמער זיינען נאַראָנים. פאַר־וואָס דאַרפן מיר ברענגען מעל פון אַנדערע שטעט? — לאָמיר אויס־בויען אַן אייגענע מיל, וועלן קומען צו אונדז טויזנטער פויערים מיט פולע פורן קאָרן און ווייץ. מיר וועלן האָבן מעל פאַר אונדז, און אויך צו פאַרקויפן אין אַלע אַרומיקע שטעטלעך.

— טאַקע פאַרוואָס נישט? האָבן געזאָגט די אַנדערע כעלמער חכמים.

האָט מען אויפגערופן אַ גרויסע פאַרזאַמלונג, אַן אסיפה און אַלע כעלמער האָבן באַשלאָסן צו בויען אַ גרויסע ווינטמיל.

און אַזוי ווי די כעלמער זיינען דאָך גרויסע חכמים, האָבן זיי זיך באַטראַכט, אַז אַנשטאָט צו בויען די ווינטמיל אויפן באַרג, ווו מען וועט זיך דאַרפן אָנמאַטערן ביז מען וועט צוקומען מיט די שווערע זעק, זאָל מען בעסער אויסבויען די ווינטמיל אין טאָל, ביים טייך. „אַראָפּ־באַרג איז נישט אַרויף־באַרג" — האָט געזאָגט דער קליגסטער פון די כעל־מער חכמים.

האָט מען אויפגעבויט די מיל אין טאָל. מען האָט געבראַכט פולע זעק מיט ווייץ און געוואַרט, די פליגלען זאָלן זיך נעמען דרייען און די רעדער זאָלן נעמען מאָלן. נאָר נישט די פליגלען האָבן זיך געדרייט, נישט די רעדער האָבן געמאָלן.

וווּנדערן זיך די כעלמער: „דוכט זיך, אַזעלכע גרויסע פליגלען און אַזעלכע מיל־רעדער. פאַרוואָס מאָלן זיי נישט?"

זאַמלען זיך צונויף די כעלמער חכמים און זיי טראַכטן זיבן טעג און זיבן נעכט, ביז זיי האָבן זיך באַטראַכט, אַז צו דער ווינטמיל דאַרף מען האָבן אַ ווינט און אזוי ווי אין טאָל איז קיין ווינט נישטאָ, זאָל מען



רופן אַלע כעלמער און זיי הייסן בלאָזן אזוי שטאַרק, אַז זיי זאָלן מאַכן א גרויסן ווינט און דער ווינט זאָל טרייבן די פליגלען.

האָבן זיך צונויפגעקליבן די כעלמער און געבלאָזן, געבלאָזן אַ שעה, צוויי שעה, די פליגלען קוים וואָס זיי רירן זיך.

קומט גראַד צו פֿאָרן מיטן וועג, וואָס גייט אַרויף באַרג, אַ ווילנער ייִד, זעט ער ווי די כעלמער יידן בלאָזן און בלאָזן.

קוקט ער זיי אָן פֿאַרוווּנדערט. פרעגט ער די כעלמער, וואָס זיי טוען. ענטפערט אים דער קליגסטער פון די כעלמער:

— איר זייט אַ נאַר. מיר האָבן דאָך אַ ווינטמיל, מאַכן מיר אַ ווינט. לאַכט דער ווילנער און ער זאָגט צו די כעלמער:

— איר ווילט מיך פֿאַלגן, מאַכט פון אייער ווינטמיל אַ וואַסערמיל.

האָט מען אים געפֿאָלגט און מען האָט אַראָפּגעבראַכט א גרויסן מילנער, וואָס האָט פון דער ווינטמיל געמאַכט אַ וואַסערמיל, נאָר די פליגלען פון דער ווינטמיל האָבן די כעלמער נישט געוואָלט אַראָפּנעמען. זיי דאַרפן בלייבן, האָבן געזאָגט די כעלמער חכמים, אַזוי וועלן מיר האָבן סיי אַ וואַסערמיל, סיי אַ ווינטמיל.

און די כעלמער האָבן זייער מיל נישט גערופן אַנדערש ווי אונדזער „פליגלדיקע וואַסערמיל".

אַז מען זאָגט כעלמער חכמים...

דער אַלטער פאָלקס־דיכטער דערציילט

אמאָל, אַמאָל, אין די אוראַלטע צייטן, האָט אין אַ וויטן לאַנד, צווישן בערג און טאָלן, געלעבט אַן אַלטער פאָלקס־דיכטער. ער האָט נישט געקענט שרייבן און נישט לייענען, אָבער ער האָט געקענט דערציילן ווונדערלעכע געשיכטעס, וואָס ער אַליין פלעגט אויסטראַכטן, און אויך אַזעלכע, וואָס ער האָט זיך אָנגעהערט אויף זיין וואַנדער־וועג איבער אַלע געגנטן פון לאַנד.

דער דיכטער האָט כסדר אַרומגעוואַנדערט, אַרומגעוואָגלט פון איין דאָרף אין צווייטן, פון איין טאָל צום צווייטן. און אומעטום, ווו ער פלעגט אָנקומען, האָט ער געהאַט די געוווינהייט זיך אָוועקצוזעצן ביי אַ קוואַל אָדער ביי אַ ברונעם, ווו די יוגנט פלעגט קומען שעפּן וואַסער און דאָרטן פלעגט ער זינגען זיינע לידער און דערציילן זיינע געשיכטעס.

איין מאָל איז דער אַלטער דיכטער געקומען אין אַ דאָרף און ווי שטענדיק זיך געזעצט ביים ברונעם. עס זיינען אָנגעקומען פיל מיידלעך מיט זייערע וואַסער־קריגן, און אַלע האָבן אים אַרומגערינגלט און געוואָרט, ער זאָל דערציילן אַ שיינע געשיכטע פון זיינע געשיכטעס.

אָבער דער אַלטער דיכטער האָט פאַרמאַכט זיינע אויגן און געשוויגן. ער האָט אויסגעזען מיד און באַקימערט. און כאָטש אַלע האָבן שוין געוואָלט וואָס גיכער הערן זיין וואָרט, האָט מען אָבער זיין אומעטיקן שוויגן נישט איבערגעריסן מיט קיין שום פראַגע, מיט קיין שום געלעכטער.

און ס'איז געווען אין דרויסן אַזוי העל, אַזוי שיין. עס האָט זיך געוואָלט לאַכן, לאַכן פון פרייד, אָבער יעדער האָט זיך איינגעהאַלטן, אויסגעמיטן איבערצורייסן די שטילקייט פון אַרום און פון דעם פאָלקס־דיכטערס טרוימערייען.

דערנאָך האָט דער אַלטער דיכטער אויפגעעפנט די אויגן, אַ קוק געטאָן אויף די אַרומיקע בערג, מיט אַ שמייכל באַגריסט זיינע יונגע צוהערערינס און אָנגעהויבן צו דערציילן:

— אַט דאָ, אויפן אַנטקעגנדיקן באַרג־שפּיץ בין איך געווען מיט פיל יאָרן צוריק; איך בין פיל ייִנגער געווען און קרעפטיק. איך האָב פון ווייס־שנייאיקן באַרג־שפּיץ צום טאָל אַראָפּגעקוקט. האָט זיך מיר אויס־געדוכט, אַז דיביימער, די שטיבער, די מענטשן זייַנען קליין, גאָר קליין און אַז איך בין אַ ריז, גרויס, שטאַרק און אַלמעכטיק.

האָב איך פון באַרג אַראָפּגענידערט און צוגעקומען אַלץ נעענטער און נעענטער צום טאָל, צו די ביימער, צו די שטיבער, צו די מענטשן. און וואָס נעענטער איך בין צוגעקומען צו זיי, אַלץ גרעסער זייַנען זיי געוואָרן.

איך בין צוגעקומען גאָר נאָענט צו אַ פּאַסטוך, וואָס האָט געפּיטערט זייַנע שאָף אויף די גראָזיקע בערגלעך און איך האָב דריקנדיק זייַן האַנט, דערשפּירט אַזאַ כּוח, ווי אין מייַן אייגענער האַנט.

איך בין אַראָפּ נאָך נידעריקער און נידעריקער צום טאָל, האָב איך אויפן דאָרפישן טראַקט באַגעגנט אַ פּויער, וואָס איז צוריקגעקומען פון פעלד מיט אַ וואָגן, פול אָנגעלאָדן מיט גאָלדיקע ווייץ־זאַנגען. האָב איך אים די האַנט געדריקט און זייַן האַנט איז געווען נאָך פעסטער און שטאַרקער ווי מייַנע.

בין איך צוגעקומען צום דאָרפישן ברונעם, זיך אָװעקגעזעצט. האָבן מיך אַרומגערינגלט יונגע מיידלעך און ייִנגלעך, וועלכע זייַנען געקומען שעפּן וואַסער. האָב איך זיי געדריקט די הענט. מייַן האַנט איז געווען פיל שטאַרקער ווי זייער האַנט און כ'האָב געמיינט, אין דעם מאָמענט, אַז איך בין ווידער אַ ריז, אַ קרעפטיקער מאַן און זיי אַזעלכע צאַרטע און שוואַכע...

אָבער גראָד האָב איך נישט ווייט פון ברונעם דערזען אַ הויכן פיל־צעצווייגטן דעמב. ער איז אויסגעוואַקסן אויפן זעלבן אָרט, ווו איך האָב נאָך מיט יאָרן צוריק, אַלס קינד, געזען בלויז אַ קליין שוואַך ביימעלע, נישט העכער פון מייַן קאָפּ. און איצט איז ער געווען אויסגעוואַקסן אַזוי הויך, אַז איך האָב געדאַרפט פאַרהויבן מייַן קאָפּ צו דערזען זייַן שפּיץ.

איז אַוועק פון מיר מייַן אייַנגערעדטע קראַפט. איך האָב זיך דער־שפּירט שוואַכער פון די קינדער, וועלכע האָבן מיך אַרומגערינגלט.

פון דעמאָלט אָן האָב איך פיל אַרומגעוואַנדערט איבערן גאַנצן לאַנד און כ'האָב פיל מענטשן געזען, און פיל קינדער געזען, און פיל ביימער געזען... מייַן פרייד האָב איך געפונען אין אייך, ליבע קינדער. וואַקסט און קוועלט. איך וועל שוין גרעסער און שטאַרקער נישט ווערן... אָבער איר...

הער זיך צו צום געזאַנג פון שלום!

געווען איז אַמאָל אַ רייכער מאַן, האָט ער פאַרמאָגט פיל פעלדער און וועלדער, אַ שיין הויז מיט זייער פיל צימערן מיט שיין־געשניצטע באַלקאָנען, מיט גרויסע ליכטיקע פענצ־טער. אַרום זיין הויז האָט דער רייכער מאַן געהאַט אַ סאָד, אין וועלכן ס׳זיינען געוואַקסן זייער פיל פרוכט־ביימער. ווען עס פלעגט קומען דער זומער, פלעגט דער רייכער מאַן בלויז אַ שאָקל טאָן איין בוים און אַ צווייטן און שוין פלעגן פאַלן אַלערליי פרוכטן: פלוימען, באַרן, עפל, אַבריקאָסן, פערסיקעס און אַלערליי אַנדערע געשמאַקע זאַפטיקע פרוכטן.

אין סאָד אויף די ביימער־שפּיצן האָבן גענעסטיקט פיל פייגל, פלעגן זיי זינגען טאָג און נאַכט; זיי פלעגן זינגען פון ליבע, פון גליק און פון שלום.

איין מאָל, אין אַ שיינער פרי־זומערדיקער נאַכט האָט דער רייכער מאַן זיך געלייגט שלאָפן אין זיין גרויסן שלאָף־צימער. די פענצטער זיינען געווען אָפן, עס האָט אַריינגעשיינט די לבנה. ער האָט געוואָלט איינשלאָפן, נאָר ער האָט נישט געקענט: די פייגל האָבן זיך צעזונגען און זייער געזאַנג האָט געוועקט די ליבע, די בענקשאַפט נאָך גליק און נאָך פרידן.

דער רייכער מאַן האָט געוואָלט שלאָפן און די פייגל האָבן אים נישט געלאָזט... איז ער אַריין אין גרויס גרימצאָרן, אויפגעוועקט אין מיטן נאַכט זיינע באַדינער און זיי באַפוילן צו צעשטערן אַלע נעסטן, צו פאַרטרייבן אַלע פייגל.

די דינער האָבן אין דער נאַכטישער טונקלעניש אויסגעפירט די באַפעלן פון רייכן מאַן. זיי האָבן צעשטערט די נעסטן און פאַרטריבן די פייגל.

ס׳איז געוואָרן טויט־שטיל אין גרויסן סאָד פונעם רייכן מאַן. ער איז שוין איצט געשלאָפן ווי אַ שטיין. אָבער נישט געווען איז שוין מער אין סאָד קיין גוטע, זאַפטיקע פרוכטן. פאַרדאַרבן זיינען געוואָרן די־

ביימער, ווערעם האָבן צעפרעסן די פרוכטן און ווען עס איז געקומען די צייט, ווען זיי זיינען צייטיקע אַראָפּגעפאַלן פון די ביימער, זיינען זיי געווען צעפוילט און צעווערעמט.

דער רייכער מאַן האָט פאַרשטאַנען איצט, אַז די פייגל האָבן פאַרהיט פון פאַרדאַרבנקייט זיינע ביימער. ער האָט זיי צוריקגערופן, נאָר זיי האָבן נישט געוואָלט מער צוריקקומען.

פאַרבייפליענדיק אין סטאַיעס איבער זיינע וועלדער און פעלדער, איבער זיינע פרוכט־ביימער, האָבן זיי געזונגען זייערע לידער פון ליבע, פרידן און גליק און אים, דעם רייכן מאַן, האָבן זיי מיט זייער געזאַנג געענטפערט:

— ווילסטו, מענטש, געניסן פון דיין שפע פון דער ערד, הער זיך צו צום געזאַנג פון ליבע, גליק און שלום.

לויט אַלטע ייִדישע אגדות

דער טויט און דאָס לעבן
איז אין מאַכט פון דער צונג

אמאָל, אַמאָל האָט געלעבט אַן אַלטער קעניג, איז ער קראַנק געוואָרן. האָט מען גערופן די בעסטע דאָקטוירים. האָבן זיי געפונען נאָר איין מיטל אים אויסצוהיילן — טרינקען מילך פון אַ לייביכע. אָבער ווי קומט מען צו צו אַ לייביכע? ווי אַזוי זאָל מען מעלקן איר מילך?

האָט מען געזוכט און געזוכט און צום סוף געפונען אַ קלוגן פאַסטוך, וואָס האָט זיך אָנגענומען צו ברענגען מילך פון אַ לייביכע.

ער האָט בלויז געבעטן, מען זאָל אים געבן צען ציגן.

האָט מען אַזוי געטאָן.

דער פאַסטוך איז אַוועק אין דעם געדיכטן וואַלד און געפונען דאָרטן אַ לייבן־גרוב, אין וועלכער עס איז געווען אַ לייביכע מיט אירע יונגע לייבעלעך.

דער פאַסטוך האָט פון דער ווייטן אַריינגעוואָרפן אין גרוב אַ ציג. דעם צווייטן טאָג האָט ער זיך שוין דערנענטערט צו דער גרוב און ווי־דער אַריינגעוואָרפן אַ ציג. אַזוי איז ער געוואָרן אַלץ מער און מער באַפריינדעט מיט דער לייביכע און אַז עס איז געקומען דער צענטער טאָג, האָט ער שוין געקענט צוקומען גאָר נאָענט צו איר און אָנמעלקן אַ פול קריגל מיט לייבן־מילך.

אויפן וועג צום קעניגס פּאַלאַץ איז דער פאַסטוך געגאַנגען אַ צופרי־דענער, ער האָט געזונגען פריילעכע לידער. נאָר פּלוצים האָט ער זיך אָפּגעשטעלט. אין זיין קערפּער האָבן זיך אַלע גלידער גענומען קריגן: די פיס האָבן געזאָגט, אַז זיי זיינען די וויכטיקסטע גלידער, זיי זיינען געגאַנגען ביז צו דער הייל. די הענט האָבן געזאָגט: „מיר זיינען וויכ־טיקער, מיר האָבן אויסגעמאָלקן". די צונג האָט געזאָגט: „איך בין וויכטיקער פון אייך אַלעמען, דאָס לעבן און דער טויט איז ביי מיר אין דער מאַכט".

האָבן אַלע גלידער געלאַכט און געשפּאָט פון איר: „זי האָט נישט קיין ביינער, ליגט פאַרשטעקט אין דער פינצטערניש פון מויל און זי גרויסט זיך אַזוי!".

— וועט איר זען שפּעטער — האָט געזאָגט די צונג — איר וועט שוין נישט לאַכן פון מיר.

ווען דער פּאַסטוך איז געקומען אין קעניגס פּאַלאַץ, האָט ער אים געגעבן דאָס קריגל מיט מילך און אַ זאָג געטאָן:

— איך האָב געבראַכט צויגן־מילך.

תיכף האָט דער קראַנקער קעניג באַפוילן זיינע דינער, מען זאָל אויפהענגען דעם פּאַסטוך. אַלע גלידער זיינען פאַרציטערט געוואָרן. נאָר

פונקט פאַרן פירן צו דער תליה, האָט די צונג געזאָגט צו די גלידער:

— זייט זיך מודה, אַז איר האָט פון מיר אָפּגעשפּאָט, וועלן מיר זיך ראַטעווען פון טויט. האָבן די גלידער זיך מודה געווען און די צונג האָט עס דערציילט דעם הענקער און געזאָגט: „פּרובירט געבן טרינקען די מילך דעם קראַנקן קעניג, וועט איר זען, אַז ער וועט געזונט ווערן, ווייל ס'איז נישט קיין צויגן־מילך, נאָר לייבן־מילך".

האָט מען אַזוי געטאָן. דער קעניג איז געזונט געוואָרן און דעם פּאַסטוך, דעם רעטער, האָט ער געשאַנקען פיל שיינע מתנות.

איצט האָבן שוין אַלע גלידער מיט רעספּעקט און מיט אָנערקענונג געזאָגט וועגן דער צונג:

— דער טויט און דאָס לעבן איז אין מאַכט פון דער צונג.

וואָס די מאַמעס האָבן געענטפערט דעם קריגערישן קעניג

געווען איז אַמאָל אין גריכנלאַנד אַ קעניג, איז זיין נאָמען געווען אַלעקסאַנדער דער מאַקעדאָניער. און געווען איז דער קעניג אַלעקסאַנדער דער מאַקעדאָניער אַ קריג־פירער, וואָס האָט באַזיגט און אונטערטעניקט פיל שטעט, לענדער און פעלקער. ער האָט געהערשט איבער ווייטע מדינות, ווייט, גאָר ווייט פון זיין היים — פון גריכנלאַנד.

נאָר וויפל לענדער ער האָט נישט דעראָבערט, וויפל פעלקער ער האָט נישט אונטערגעוואָרפן אונטערן יאָך פון זיין קרוין, איז אים אַלץ געווען נישט גענוג. דער קעניג אַלעקסאַנדער דער מאַקעדאָניער, אָדער מוקדון, ווי מען פלעגט אים רופן אַמאָל אין העברעאיש, האָט געוואָלט זיין דער הערשער און דער קעניג פון דער גאָרער וועלט.

געווען איז דעמאָלט אין אפריקע, נישט ווייט פון בלויען ים־ברעג, אַ קליינע פרוכטבאַרע מדינה, ווו די פרויען, די מאַמעס, האָבן געהאַט די גאַנצע מאַכט. זיי האָבן אַנגעפירט מיט דער רעגירונג, מיט אַלע אַנשטאַלטן און מיט אַלע אַמטן.

האָבן די מאַמעס פון דער דאָזיקער מדינה זיך דערוווּסט, אַז דער גרויסער דעראָבערער אַלעקסאַנדער מוקדון גרייט זיך צו באַפאַלן זייער הויפּט־שטאָט און אַז ער וויל באַצווינגען דאָס גאַנצע לאַנד.

האָבן זיך פאַרזאַמלט די מאַמעס, און געשיקט צו אים אַ דעלעגאַציע און אים געזאָגט:

— מיט אונדז, מאַמעס, ווילסטו פאַרפירן אַ מלחמה? פע, וועסטו אונדז באַזיגן, וועט מען זאָגן, אַ, אויך מיר אַ העלד, ער האָט באַזיגט שוואַכע פרויען, מאַמעס פון קינדער. וועסטו ווערן בייגעקומען דורך אונדז, וועט מען דאָך פון דיר אָפּשפּאָטן און אָפּלאַכן. צו וואָס טויג עס דיר?

באַפוילט דער קעניג אַלעקסאַנדער, מען זאָל אים תיכף ברענגען ברויט.

אבער אַנשטאָט ברויט, האָבן אים די מאַמעס אַרויסגעטראָגן אויף אַ גאָלדענעם טאַץ גאָלדענע ברויטן, גאָלדענע עפּל און גאָלדענע מילגרוימען.

וווּנדערט זיך דער קעניג אַלעקסאַנדער און ער פרעגט:

— וואָס? ביי אייך אין לאַנד עסט מען גאָלדענעם ברויט? גאָל־דענע עפּל?

— ניין — ענטפערן אים די מאַמעס — הייסט עס, אַז דו ווילסט עסן געוויינטלעכן ברויט. אויב אַזוי נאָך וואָס גייסטו דעראָבערן אַזוי פיל שטעט, אַזוי פיל לענדער און אַזוי פיל פעלקער? עס פעלט דיר דען ברויט ביי דיר אין לאַנד?...

דער דאַנקבאַרער לייב

דאָס איז געווען אין יענע צייטן, ווען דאָס יידישע לאַנד איז געוואָרן באַזיגט דורך די רוימער. די שטעט זיינען געוואָרן פאַרניכטעט. די יידישע העלדן, די מענער, די פרויען און די קינדער זיינען פאַרקויפט געוואָרן ווי שקלאַפן.

און עס פלעגט זיך פירן, אַז ווען אַ שקלאַף פלעגט אַנטלויפן און געכאַפּט ווערן, פלעגט מען אים באַשטראָפן מיט אַ שרעקלעכער שטראָף — מען פלעגט אים אַריינפירן אין אַ גרויסן צירק און אים הייסן קעמפן מיט לייבן, מיט לעמפּערטן און מיט אַנדערע בייזע חיות.

האָט מען איין מאָל געבראַכט אַ יידישן העלד אין צירק, אין שטאָט רוים. אַרום און אַרום זיינען געזעסן טויזנטער צוקוקער. זיי האָבן געוואָלט זען, ווי דער העלד וועט צעריסן ווערן פונעם לייב אויף שטיקער.

האָבן געטרומייטערט די צירק־מוזיקאַנטן און מיט גרויס געברום איז אַרויס אויף דער צירק־אַרענע אַ גרויסער, אַ שטאַרקער לייב.

און אַנטקעגן אים איז געשטאַנען אַ העלדישער יידישער מאַן, אַ געכאַפּטער שקלאַף. אַלע האָבן זיך גערעכנט, אַז דער מאַן וועט צעריסן ווערן אין איין מינוט, נאָר געשען איז גאָר אַנדערש.

דער לייב האָט אַ קוק געטאָן אויף דעם העלדישן מאַן, האָט ער אויפגעהערט צו ברומען און זיך דערנענטערט צו אים, אים נישט אָנגערירט.

האָט מען זיך געוווּנדערט: אַזאַ בייזער לייב זאָל ווערן מיט אַ מאָל אַזוי שטיל ווי אַ קאַטינקע.

פרעגט מען דעם מאַן, אין וואָס באַשטייט זיין קראַפט, אַז ער האָט געקענט שטילן דעם לייב. האָט ער דערציילט:

— איך בין פאַרקויפט געוואָרן פאַר אַ שקלאַף אין אַפריקע. איז מיר געווען זייער שלעכט — בין איך אַנטלאָפן אין מדבר, און דאָרטן האָב איך מיך באַהאַלטן אין אַ הייל. און אין הייל איז געווען אַ לייב. האָט

דער לייב זיך פֿאַרשטאַכן די לאַפּע מיט אַ שטעכעדיקן דאָרן, האָט ער געריטשעט פֿון ווייטיק. האָב איך אַרויסגענומען דעם דאָרן פֿון לייבס לאַפּע. אים פֿאַרבונדן מיט מיין העמד.

פֿון דעמאָלט אָן זיינען מיר געוואָרן גוטע פֿריינד. דער לייב פֿלעגט מיר ברענגען פֿלייש — איך פֿלעג עס בראָטן אויף דער זון. צוזאַמען פֿלעגן מיר גיין שפּאַצירן, עסן און שלאָפֿן.

נאָר דער לייב איז געפֿאַנגען געוואָרן, און אויך איך בין געכאַפּט געוואָרן.

— דער לייב האָב מיך נישט פֿאַרגעסן. דער לייב וועט מיך באַהיטן און באַשיצן.

און דער העלד איז געוואָרן דער היטער פֿון לייב, און דער לייב איז געוואָרן דער באַשיצער פֿון העלד.

אַ דאָרן אַריין, אַ דאָרן אַרויס — די מעשה איז אויס.

משה באַשטראָפט דעם רייכן קורח

ס'איז פרילינג אויף דער וועלט. דער הימל איז העל־בלוי. די ערד האָט זיך באַפרייט פון איר ווינטערדיקן שלאָף. די שטראָמען און די טייכן האָבן זיך צעפלאָסן און צע־כוואַליעט, און די גאָלדיקע זון־שטראַלן טאַנצן אויף די זילבערדיקע כוואַליעס אַ פריילעכן טאַנץ. ס'איז פסח, דער שיינער יום־טוב פון באַפרייאונג פון שקלאַפעריי. און מיר, אַ גאַנצע חברה ייִנגלעך, פריי פון גיין אין חדר, גייען אַרויס אין מיטן העלן פרילינגדיק־פסחדיקן טאָג אויף אונדזער ערשטן גרויסן שפּאַציר אין די „וועלדלעך", אַראָפּ באַרג, ביים ברעג פון צעשטראַלט־צע־כוואַליעטן טייך.

מיר שפרייזן אַריבער דאָס קליינע הילצערנע בריקל איבערן טייכל און אָט זיינען מיר שוין אויף דער זאַמדיקער ווייספע, וואָס איז אַרומ־גערינגלט אַרום און אַרום מיט וואַסער.

אונדז, קינדער, דוכט זיך אויס, אַז מיר זיינען איצט אין מדבר אַזוי ווי די אור־אור־עלטערן, וועלכע זיינען פון שקלאַפן אין עגיפטן געוואָרן פרייע מענטשן און דערנאָך יאָרן־לאַנג געלעבט אין מדבר, אונטער דער אָנפירונג פון דעם גרויסן לערער און פאָלקס־פירער משה.

פלוצים איז אָנגעקומען אַ געדיכטער וואָלקן. דער הימל איז גע־וואָרן פינצטער. עס האָט גענומען דונערן און בליצן. מיר האָבן זיך דערשראָקן און געלאָפן זיך באַהאַלטן ביים שטאָם פון אַ הויכער ווערבע, וואָס איז געוואַקסן אין מיטן ווייספע.

אונדזער חבר זרח, וועלכער האָט געקענט ווונדערבאַר דערציילן פאַנטאַסטישע געשיכטעס, האָט זיך דערמאָנט גראָד אין רעכטן מיטן שטורעם די געשיכטע מיט קורחן. און כאָטש ער האָט געוווּסט, אַז מיר אַלע קענען די דאָזיקע אַלטע געשיכטע, האָט ער אונדז דערציילט זי נאָך אַ מאָל, אָבער אַזוי שפּאַנענדיק, אַז נאָך ביזן היינטיקן טאָג געדענק איך זי און איך זע פאַר זיך די בילדער, וואָס מיין חבר זרח האָט אונדז געשילדערט.

צווישן די יידן, וועלכע משה האָט אַרויסגעפירט פון מצרים, האָט ער אונדז דערציילט, זיינען געווען אַזעלכע, וואָס האָבן באַדויערט די צייטן פון קנעכטשאַפט. זיי זיינען דאָרט געווען רייך, זיי האָבן נישט געאַרבעט שווער. זיי זיינען געווען די אויפזעער, וועלכע האָבן בלויז געהיטן, אַז די אַנדערע יידן־שקלאַפן זאָלן אַרבעטן פון זון־אויפגאַנג ביז זון־פאַרגאַנג און אויפבויען פאַרן האַר־קעניג פּרעה גרויסע שטעט און פּיראַמידן.

צווישן די דאָזיקע רייכע יידן, וועלכע האָבן באַדויערט די צייטן פון שקלאַפנטום, איז געווען איינער, וועמען מען האָט גערופן קורח און אָט דער קורח האָט אין מדבר אויפגעהויבן אַ בונט קעגן משהן...

— גענוג אייך צו הערשן איבער אונדז, האָט קורח געזאָגט צו משהן און צו זיין ברודער אהרן, איר זייט שלעכטע לערער און פירער. איר האָט אונדז אַרויסגעפירט פון אַ לאַנד, וואָס פליסט מיט מילך און צוּ

האָניק און אונדז אַריינגעפירט אין אַ וויסטעניש, אין אַ מדבר. איר ווילט אונדז לאָזן אויסשטאַרבן פון דורשט און פון הונגער. ווי גוט עס איז אונדז געווען אין עגיפּטן און ווי שלעכט עס איז אונדז איצט אויף דער פריי, אינעם מדבר. גענוג! מיר ווילן אייך נישט אַנערקענען אַלס פּי־רער און לערער. לאָמיר זיך צוריקקערן קיין עגיפּטן!...

דער גרויסער פאָלקס־פירער משה האָט זיי געענטפערט: „איך האָב אייך קיינעם קיין שלעכטס נישט געטאָן. איך האָב אייך, שקלאַפן, גע־מאַכט פאַר פרייע מענטשן... נאָר איר פאַרדינט נישט צו זיין פריי...״

און צום פאָלק האָט משה געזאָגט: „גייט אַוועק וואָס ווייטער פון די געצעלטן פון רייכן קורח און פון זיינע פריינד. רירט זיך נישט צו־

צו קיין זאַך, וואָס עס געהערט צו זיי, באַלד וועט די ערד עפענען איר מויל און איינשלינגען די דאָזיקע מענטשן מיט אַלץ, וואָס עס געהערט צו זיי...״

און פּלוצים האָט די ערד אויפגעציטערט. עס האָט גענומען דונערן און בליצן. די ערד האָט אויפגעעפנט איר מויל און איינגעשלונגען קורחן מיט אַלע זיינע פריינד.

און די פאָלקס־מאַסן, וואָס האָבן געזען די שטראָף, האָבן זיך דער־שראָקן, אָבער משה האָט זיי באַרויִקט און געזאָגט: „איר זאָלט נישט מורא האָבן, זייט פרייע שטאָלצע מענטשן און נישט קיין שקלאַפן און די ערד וועט אייך נישט איינשלינגען. איר וועט באַהערשן די ערד און זי וועט צו אייער ווילן אונטעריאָכט ווערן...״

●

דערווייל איז דער וואָלקן פאַרשוווּנדן ערגעץ ווייט, ווייט פון יענער זייט טייך. אויפן לויטער געוואָרענעם, פרילינגדיקן הימל האָט זיך באַוויזן אַ צעשטראַלטער רעגנבויגן. אויף דער ווערבע האָבן זיך צעצוויטשערט די פייגל און זייער ליב געזאַנג האָט אונדז באַגלייט אויף אונדזער צוריקגאַנג אין שטאָט, ביז העט, העט ווייט באַרג אַרויף...

וואָס מען דערציילט וועגן רב הלל

געוועזן אַמאָל אַ גרויסער יידישער געלערנטער, האָט מען אים גערופן רב הלל. דערציילט מען וועגן אים, אַז אין דער יוגנט איז ער געוועזן גאָר אַ גרויסער אָרעמאַן. ער פלעגט האָרעווען שווער, טאָן אַלערליי אַרבעט, כדי צו פאַר־דינען זיין ברויט און צו באַצאָלן פאַר זיין לערנען.

איין מאָל, ס'איז געוועזן זייער קאַלט, אַ גרויסער פראָסט אין דרויסן, האָט הלל געזוכט און געזוכט אַ גאַנצן טאָג אַרבעט אויף צו פאַרדינען זיין ברויט און צו באַצאָלן פאַר זיין לערנען, נאָר ער האָט גאָרנישט פאַרדינט.

איז ער אַ הונגעריקער געקומען צו דער גרויסער שול, געוואָלט אַריין לערנען, האָט מען אים נישט אַריינגעלאָזט.

האָט הלל געזען, אַז אויפן דאַך איז דאָ אַ פענצטערל. איז ער אַרויף אויף דעם דאַך, זיך אויסגעצויגן און צוגעלייגט די אויערן צום קליינעם פענצטער.

דורך דעם פענצטער האָט הלל געהערט אַלץ, וואָס מען האָט גע־לערנט אין דער גרויסער שול. און ער האָט גאָרנישט באַמערקט, ווי עס איז אַראָפּגעפאַלן אַ געדיכטער שניי און אים אין גאַנצן פאַרשאָטן.

דערווייל האָבן די לערערס און די תלמידים פון דער גרויסער שול זיך געוואונדערט, וואָס עס איז געוואָרן אין שול טונקעלער ווי גע־ווייטנלעך. האָבן זיי אַלע געמיינט, אַז דאָס האָט דער געדיכטער שניי פאַרשאָטן דאָס דאַך־פענצטערל און דעריבער איז טונקל...

גייען עטלעכע תלמידים אַרויף אויף דעם דאַך מיט א גרויסן בעזעם און ווילן אָפּקערן דעם שניי פון דעם פענצטער. ערשט זיי זעען, אז אויף דעם פענצטער ליגט אַ פאַרפרוירענער דער אָרעמער הלל.

האָבן זיי אים אַראָפּגענומען פון דאַך, אַריינגעפירט אין שול, אים אָפּגעמינטערט, אים אָנגעוואַרעמט און דערנאָך האָבן זיי אים געפרעגט,

פּאַרוואָס ער איז אַרויפגעקראָכן אויף דעם דאַך אין אַזאַ קאַלטן פראָס־טיקן טאָג. האָט הלל זיי דערציילט די גאַנצע געשיכטע.

און דער לערער פון אַלע תּלמידים, דער רבי פון דער גרויסער שול, אָדער ישיבה, ווי מען פלעגט זאָגן אַמאָל, האָט דעמאָלט זיך אָפּגערופן צו אַלע זיינע תּלמידים:

— אָט דער הלל וועט אויסוואַקסן אַ גרויסער, גאָר אַ גרויסער געלערנטער.

און דעם היטער פון שול האָט ער אָנגעזאָגט, ער זאָל אַריינלאָזן הללן אין שול אָן שום אָפּצאָל.

האָט הלל געלערנט און געלערנט, ביז ער איז געוואָרן דער גרעסטער יידישער געלערנטער פון זיין צייט.

ער איז געווען אַזוי שטאַרק באַליבט ביי אַלעמען פאַר זיין קלוגשאַפט און גוטסקייט, אַז מען האָט אים אויסגעקליבן אַלס עלטסטן פון אַלע יידן. מען האָט אים גערופן רב הלל הנשיא. און אַלע האָבן ביי אים געלערנט. און אפילו איצט — הונדערטער יאָרן שפּעטער — דערציילט מען נאָך אין אַלע יידישע שולן די קלוגע רייד פון דעם גרויסן יידישן געלערנטן רב הלל הנשיא.

דער גרויסער געלערנטער רבי עקיבא און דער יידישער העלד בר כוכבא

(אַ קאַפּיטל יידישע געשיכטע)

.1

אמאָל, אַמאָל האָט אין דער יידישער הויפּט־שטאָט ירושלים געלעבט אַ רייכער ייד. זיין נאָמען איז געווען כלבא שבוע. ער האָט פאַרמאָגט פיל פעלדער, פיל וועלדער, פיל שאָף, פיל רינדער, פיל ציגן און פיל, גאָר פיל אַנדערע רייכטימער. מען האָט גאָרנישט געקענט אויסציילן אַלץ, וואָס כלבא שבוע האָט פאַרמאָגט.

דער רייכער כלבא שבוע האָט געהאַט איין איינציקע טאָכטער. מען האָט זי גערופן רחל. זי איז געווען זייער אַ שיינע, זייער אַ קלוגע און גוט געבילדעטע. אַ סך רייכע יונגע לייט האָבן געוואָלט זי זאָל זיין זייער כלה. יעדער האָט געוואָלט, זי זאָל חתונה האָבן מיט אים, אָבער רחל האָט נישט געוואָלט קיין איינעם פון די רייכע יונגע לייט. איר איז שטאַרק געפעלן געוואָרן אַן אָרעמער, פּשוטער פאַסטוך, וואָס האָט געפירט פיטערן אין פעלד איר פאָטערס סטאַדעס שעפּסן און ציגן. זיין נאָמען איז געווען עקיבא.

ווען איר רייכער פאָטער כלבא שבוע האָט זיך דערוווסט, אַז זיין איינציקע טאָכטער רחל וויל חתונה האָבן מיט דעם אָרעמען פאַסטוך עקיבא, איז ער געוואָרן זייער בייז און געזאָגט צו זיין טאָכטער :

— געדענק, אויב דו וועסט מיר נישט פאָלגן און דו וועסט חתונה האָבן מיט דעם פּראָסטאַק עקיבא, וועל איך דיך מער נישט אַריינלאָזן אין מיין שטוב. איך וויל דיך מער נישט זען. קענסט זיך גיין מיט דיין עקיבאָן, ווו דו ווילסט, אָבער מיין שוועל זאָלסטו מער נישט אַריבערטרעטן. דאָס

וועט דיר אָנלערנען, נישט צו פאָלגן דעם טאַטן דיינעם. און איצט קענסטו גיין און טאָן, ווי דו ווילסט.

רחל האָט זיך פונאַנדערגעוויינט, אָבער איר ליבע צום אָרעמען פאַסטוך עקיבא איז געווען אַזוי שטאַרק, אַז זי האָט דעם זעלבן טאָג פאַרלאָזט איר פאָטערס רייך הויז און איז אַוועק חתונה האָבן מיט איר באַליבטן עקיבא.

עקיבא איז געווען אַן אָרעמער טאָג־אַרבעטער און ער האָט פאַרדינט זייער ווייניק. ער און זיין ליבע פרוי רחל פלעגן קוים האָבן גענוג ברויט צו עסן. געוווינט האָבן זיי אויסן שטאָט, אין אַן אָרעמען געצעלט.

אַז עס פלעגן בלאָזן בייזע ווינטן, פלעגן זיי ביידע ווערן טרויעריק. דאָס געצעלט איז געווען פון דורכגעלעכערטע וועגטלעך און די ווינטן פלעגן אַריינבלאָזן אינעווייניק. עס פלעגט זיי זיין קאַלט און נאַס.

איין נאַכט זיינען זיי ביידע געזעסן און זיך צוגעהערט צו די בייזע ווינטן. עקיבא האָט געגלעט דעם קאָפּ פון זיין שיינער פרוי. ער האָט געזונגען א ליד :

ווען איך וואָלט אַ גאָלדשמיד געווען,
וואָלט איך פאַר מיין רחלע וועגן
אַ קרוין גין־גאָלדענע געשמידט,
פון נויט און אָרעמקייט פאַרהיט.

זיין פרוי רחל האָט אים געזאָגט :

— מיין טייערער, ליבער מאַן, ווילסטו מיר אַ קרוין שענקען, גיי, מיין טייערער, לערנען. איך וועל זיין די גליקלעכסטע פון אַלע פרויען, אויב דו, מיין מאַן, וועסט ווערן אַ גרויסער געלערנטער. דיין וויסן וועט זיין מיין קרוין.

אויף מאָרגן האָט עקיבא זיך צעשיידט מיט זיין שיינער, האַרציק־באַליבטער פרוי און איז אַוועק לערנען.

ער האָט גאָרנישט געקענט. האָט ער זיך געזעצט לערנען צוזאַמען מיט די קלענסטע, מיט די קינדער, וואָס האָבן נאָך געלערנט אַלף בית. אָבער גאָר גיך האָט ער אַריבערגעיאָגט די קליינע און די גרויסע.

כדי צו קענען פאַרדינען אויף צו לעבן, האָט עקיבא געאַרבעט אַלס האָלץ־העקער. ער האָט שווער געאַרבעט און פאַרדינט ווייניק. ווען זיין פרוי רחל האָט געהערט, אַז איר מאַן אַרבעט און לערנט אין גרויסער נויט, האָט זי אָפּגעשוירן אירע שיינע צעפּ און זיי פאַרקויפט. דאָס געלט האָט זי געשיקט איר ליבן מאַן, דעם פלייסיקן לערנער עקיבא.

2.

עקיבא איז געווען א פלייסיקער און פעאיקער לערנער. גאַר גיך האָט ער געקענט אזוי גוט די יידישע לערע, אַז אַלע זיינע חברים האָבן אים גענומען באטראכטן פאַר זייער לערער. מען האָט אים שוין מער נישט גערופן עקיבא, נאָר רבי עקיבא — לערער עקיבא, געלערנטער עקיבא.

עס זיינען גיך אַוועק די יאָרן פון לערנען, צוויי יאָר, פינף יאָר, צען יאָר. פאַר דער גאַנצער צייט האָט רבי עקיבא נישט געהאַט געזען זיין ליבע פרוי רחל.

נאָך צוועלף יאָר איז רבי עקיבא אַוועק קיין ירושלים זיך זען מיט זיין פרוי.

רחל האָט נאָך געוווינט אין אָרעמען געצעלט, אויסערן שטאָט. אַז רבי עקיבא איז צוגעקומען צום געצעלט, האָט ער געהערט ווי אַ פרוי רעדט צו זיין ליבער רחלען:

— איר זעט, שוין צוועלף יאָר, ווי אייער מאַן איז אַוועק. איר לעבט אליין, אָרעם, אין גרויסער נויט. ווען איר וואָלט אָבער געווען געפאָלגט אייער רייכן פאָטער, וואָלט איר נישט געדאַרפט ליידן. איר וואָלט געקענט לעבן אין רייכקייט און גליקלעך זיין.

— מיין גליק איז, וואָס מיין ליבער מאַן עקיבא לערנט און איך האָף, אַז ער וועט נאָך ווערן איינער פון אונדזערע גרעסטע געלערנטע. ווען ער פאָלגט מיר, וואָלט ער געלערנט נאָך צוועלף יאָר. דאָס וואָלט געווען פאַר מיר די גרעסטע פרייד.

ווי רבי עקיבא האָט געהערט די דאָזיקע ווערטער פון זיין ליבער פרוי רחל, האָט ער זיך תיכף אומגעקערט צוריק און זיך ווידער גענומען צום לערנען. ער האָט אליין געלערנט און געלערנט מיט אַנדערע, מיט זיינע תלמידים.

זיין וויסן און זיין לערנען איז געוואָרן אַזוי שטאַרק באַרימט אין גאַנצן לאַנד און אין אויסלאַנד, אַז פון אַלע עקן האָב זיך גענומען ציען צו אים תלמידים. ער האָט געהאַט אין זיין שול פיר און צוואַנציק טויזנט תלמידים. אַלע האָבן אים שטאַרק ליב געהאַט און אַלע האָבן אים באַטראַכט ווי דעם גרעסטן יידישן געלערנטן.

אַזוי זיינען אַריבער נאָך צוועלף יאָר. און רבי עקיבא האָט באַשלאָסן צו גיין צוריק קיין ירושלים זיך זען מיט זיין פרוי, מיט דער ליבער רחל.

ער איז אָבער נישט געגאַנגען אליין. מיט אים זיינען מיטגעגאַנגען טויזנטער, טויזנטער פון זיינע תלמידים.

3.

אז מען האט געהערט אין דער יידישער הויפט־שטאט, דאס דער גרעסטער געלערנטער רבי עקיבא קומט אן אין שטאט, זיינען אים ארויס אנטקעגן אויפנעמען אלע אנגעזעענע, אלע גרויסע געלערנטע מיט זייערע תלמידים. עס זיינען מיטגעגאנגען מיט זיי פיל מענער און פרויען, וואס זיינען אליין נישט געווען קיין געלערנטע און אויך נישט קיין לערנער, נאר זיי האבן אלע שטאלצירט מיט דעם פאסטוך, וואס איז געווארן דער גרעסטער געלערנטער. אלע האבן געוואלט אים זען, אלע האבן גע־וואלט אים אויסדריקן זייער ליבע און אכטונג.

צווישן די פיל ארעמע מענער און פרויען איז אויך געגאנגען אנט־קעגן איר גרויסן מאן, רחל, די טאכטער פונעם רייכן כלבא שבוע.

אז זי האט דערזען איר ליבן מאן און די טויזנטער תלמידים און די טויזנטער יידן, מענער און פרויען, וואס האבן געמאכט פאר אים א ווארע, ווי פאר א פרינץ, האט זי זיך צעוויינט פון פרייד. ווען זי איז צוגעגאנגען צו איר גרויסן, געלערנטן מאן, האבן די תלמידים זיינע זי געוואלט אוועקטרייבן. זיי האבן נישט געוווסט, אז דאס איז רחל, די ליבע פרוי פון זייער גרויסן לערער.

— לאזט זי גענענען צו מיר — האט געזאגט תיכף רבי עקיבא. —איך זאג אייך, אז מיין וויסן און אייער וויסן האבן מיר צו פארדאנקען אט דער ארעמער פרוי. ווען נישט זי, מיין ליבע, טייערע רחל, וואלט איך נישט געווען איצט אייער לערער און איר וואלט נישט געווען מיינע תלמידים.

אלע רייכע לייט האבן פארבעטן דעם געלערנטן רבי עקיבא, ער זאל זיי באערן און גיין וווינען ביי זיי אין די פאלאצן, אין די שיינע פרעכטיקע צימערן, וואס זיינען געווען אויסגעצירט מיט מירמל־שטיין און מיט העלפאנט־ביין. רבי עקיבא האט זיך אפגעזאגט גאנץ העפלעך צו גיין צו די רייכע, אין זייערע פרעכטיקע פאלאצן.

רבי עקיבא איז אוועק מיט זיינע תלמידים און מיט זיין ליבער רחל צו איר אין ארעמען געצעלט, וואס איז געווען אויפגעשטעלט אויסערן שטאט.

רבי עקיבא האט געוווינט אין ארעמען געצעלט, אויסערן שטאט, מען פלעגט קומען צו אים פון ירושלים, פון אנדערע שטעט און דערפער, אים פרעגן עצות, הערן זיינע קלוגע רייד.

די רייכע לייט פלעגן אים פארבעטן צו זיך אין זייערע פרעכטיקע פאלאצן. רבי עקיבא האט אבער נישט געוואלט לאזן זיין ליבע פרוי רחל

אין אָרעמען געצעלט אַליין. ער איז געבליבן בעסער אויסערן שטאָט, ביי זיך און צוזאַמען מיט זיין פרוי.

אַרום זיין געצעלט זיינען געווען פיל געצעלטן, וווּ עס האָבן געוווינט זיינע טויזנטער תלמידים. זיי פלעגן זיך אַלע טאָג פאַרזאַמלען אַרום זייער גרויסן לערער דעם תנא עקיבא און הערן זיינע קלוגע רייד.

איין מאָל איז געקומען צו זיין געצעלט פרעגן אַן עצה איינער פון די רייכסטע לייט פון ירושלים. דאָס איז געווען רחלס טאַטע, דער שווער פון רבי עקיבא — כלבא שבוע.

ווען כלבא שבוע האָט געהערט, אַז אין ירושלים איז אָנגעקומען דער גרויסער געלערנטער רבי עקיבא, האָט ער געטראַכט: „לאָמיר גיין פרעגן אַן עצה ביים גרויסן געלערנטן וועגן מיין טאָכטער. האָב איך נישט געטאָן אַ מאָל אַ נאַרישקייט מיטן פאַרטרייבן זי פון מיין הויז?".

כלבא שבוע איז אַריין אין אָרעמען געצעלט. זעט ער דעם גרויסן געלערנטן, אַרומגערינגלט מיט פיל פון זיינע תלמידים, דערציילט ער אים, אַז ער האָט פאַרטריבן זיין טאָכטער און ער ווייסט נישט, צי איז ער נישט געווען אַ מאָל צו שטרענג.

רבי עקיבא האָט תיכף דערקענט זיין שווער, דעם רייכן כלבא שבוע, נאָר דער שווער האָט זיין איידעם רבי עקיבא נישט דערקענט.

פרעגט אים רבי עקיבא:

— פאַרוואָס האָסטו פאַרטריבן דיין טאָכטער פון דיין הויז?

— ווייל איך האָב נישט געוואָלט, אַז מיין טאָכטער זאָל זיין די פרוי פון אַ פאַסטוך, וואָס קען אפילו נישט לייענען אַ וואָרט, האָט אים געענטפערט כלבא שבוע.

— נו, און ווי וואָלט געווען, ווען דו וואָלסט געוווּסט, אַז דער פאַסטוך וועט זיך נעמען לערנען און שפעטער ווערן אַ געלערנטער, וואָלסטו אויך פאַרטריבן דיין טאָכטער פון דיין הויז?

— קיין מאָל נישט. עס פאַרדריסט מיך אַזוי אויך שטאַרק, וואָס איך האָב אין מיין צאָרן פאַרטריבן די איין און איינציקע, ליבע טאָכטער מיינע — רחל.

רחל האָט פון וויטן דערקענט איר פאָטערס שטימע. זי האָט זיך מער נישט געקענט איינהאַלטן. זי איז צו צו איר פאָטער, אים אַרומגענומען, אים געקושט, און וויינענדיק פון פרייד, אים געזאָגט:

— דיין טאָכטער, דאָס בין איך. און דער גרויסער געלערנטער מאַן רבי עקיבא, דאָס איז מיין מאַן, מיין קרוין. אַזוי האָט געזאָגט רחל און מיט שטאָלץ געקוקט אויף איר ליבן טייערן עקיבא.

דער פּאַטער כלבא־שבוע האָט תיכף באַפוילן, אַז אַ האַלבער פּאַלאַץ זיינער און אַ העלפט פון זיין פאַרמעגן זאָל אָפּגעגעבן ווערן זיינע קינדער, רחל און איר מאַן דעם געלערנטן רבי עקיבא.

רבי עקיבא און זיין פרוי האָבן זיך דערמאָנט דאָס ליד, וואָס ער האָט געזונגען פאַר איר אַמאָל, אין אָרעמען געצעלט. דעם זעלבן טאָג האָט ער איר געשאָנקען אַ גין־גאָלדענע קרוין.

רחל האָט אים האַרציק באַדאַנקט און געזאָגט :

— מיין שענסטע קרוין דאָס ביסטו, דאָס איז דיין וויסן.

4.

דאָס איז געווען מיט איבער אַכצן הונדערט יאָר צוריק. דאָס יידישע לאַנד ארץ ישראל איז דעמאָלט געווען פאַרנומען פון די רוימישע הערשער, וואָס האָבן צעשטערט די יידישע הויפּט־שטאָט ירושלים און דעם הייליקן יידישן טעמפּל, דעם בית המקדש. אַ סך יידישע מענער און פרויען זיינען דעמאָלט פאַרקויפט געוואָרן פאַר שקלאַפן אין פרעמדע, ווייטע לענדער.

אָט אין יענע צייטן האָט די העלדישע יידישע יוגנט, אונטער דער אָנפירונג פון גרויסן פאָלקס־העלד בר כוכבא, זיך צונויפגעזאַמלט אין די היילן, אין די טאָלן און אויף די בערג.

די יידישע יוגנט האָט אומעטום געגומען פאַרטרייבן די רוימער, די אונטערדריקער, וואָס האָבן געוואָלט פאַרניכטן דאָס יידישע פאָלק.

דער גרויסער געלערנטער רבי עקיבא האָט גערופן דאָס גאַנצע פאָלק זיך צו שטעלן אין קאַמף קעגן די רוימער, אונטער דער אָנפירונג פון בר כוכבא.

ער האָט געזאָגט: „אַלע יידן, יונגע און עלטערע, פרויען, אפילו קינדער, אַלע דאַרפן מיטהעלפן צום זיג פון יידישן פאָלק איבער דעם פיינט“.

ער האָט אליין באַוואָפנט זיינע תלמידים, אָפּגעגעבן די צירונג פון זיין ליבער פרוי רחל פאַרן באַפרייאונג־קאַמף פון יידישן פאָלק.

אין דריי יאָר צייט האָט די יידישע יוגנט אָפּגעהאַלטן פיל זיגן. די הויפּט־שטאָט איז געוואָרן באַפרייט.

אַלע, רבי עקיבא, בר כוכבא, דאָס גאַנצע פאָלק איז געווען גליק־לעך צו לעבן ווידער ווי אַ פריי פאָלק.

אָבער נישט לאַנג האָט געדויערט די פרייד. די רוימער האָבן געשיקט קיין ארץ ישראל אַ מעכטיקע אַרמיי, וואָס האָט אַרומגערינגלט די יידישע שטעט, די גרענעצן פון דעם יידישן לאַנד. די רוימער האָבן נישט געלאָזט צופירן קיין עסנוואַרג אין די באַפרייטע שטעט. זיי האָבן געוואָלט אויסהונגערן די יידישע קעמפער.

די אַרומגערינגלטע, אָפּגעשוואַכטע, אויסגעהונגערטע יידישע העלדן האָבן געקעמפט מיט די לעצטע כוחות, ביזן לעצטן טראָפּן בלוט. נאָר די רוימער זיינען געווען זאַט און פיל שטאַרקער אין צאָל.

דער אויפשטאַנד פון יידישן פאָלק איז דערשטיקט געוואָרן אין בלוט. דער רוימישער קעניג אַדריאַנוס האָט פאַרבאָטן די יידן אַריינצו־

קומען אין ירושלים. מען האָט נישט געטאָרט אָפּהיטן די יידישע געזעצן און לערנען די יידישע לערע.

דער גרויסער געלערנטער רבי עקיבא האָט זיך נישט אונטערגעגעבן. ער האָט מוטיק גערופן דאָס יידישע פאָלק צו גלויבן און האָפן.

די רוימישע סאָלדאָטן האָבן געגומען געפאַנגען דעם אַלטן יידישן געלערנטן און אים געוואָלט צווינגען, ער זאָל זיך אָפּזאָגן פון זיין פאָלק, פון זיין גלויבן. דער שטאָלצער, מוטיקער געלערנטער האָט זיך נישט אונטערגעגעבן.

די רוימער האָבן אים פאַרפייניקט. זיי האָבן אים געשונדן די הויט. רבי עקיבא האָט ביזן לעצטן אָטעם געזאָגט: „איך גלויב און איך האָף. דאָס יידישע פאָלק לעבט און וועט לעבן !".

פאָנעטישער אויסלייג פון די העברעאישע ווערטער

אבינועם — **אווינאָעם**
אגדה —**אַגאָדע**
אדם — **אָדעם**
אוצר — **אויצער**
אוצרות — **אויצרעס**
אוודאי — **אוואַדע**
אלמנה — **אַלמאָנע**
אלף־בית — **אַלעפבייס**
אמת — **עמעס**
אמתע — **עמעסע**
אסיפה — **אַסיפע**
אפילו — **אפילע**

בית־המקדש — **בייס־האַמיקדעש**
בכיוון — **בעקיוון**
בן־יחיד — **בען־יאַכיד**
ברוגז — **ברויגעז**
בר כוכבא — **באַר־קאָכבע**

גופא — **גופע**

דווקא — **דאַווקע**
דערהרגעט — **דערהאַרגעט**
דרום — **דאָרעם**

הלל — **הילעל**
הנשיא — **האַנאָסי**

חבר — **כאַווער**
חברים — **כאַוויירים**
חברשאַפט — **כאַווערשאַפט**
חודש — **כוידעש**
חוה — **כאַווע**
חיות — **כאַיעס**
חכמים — **כאַכאָמים**
חלום — **כאַלעם**
חתונה — **כאַסענע**

טעם — **טאַם**

יבשה — **יאַבאָשע**
ים — **יאַם**
ימים — **יאַמים**
יצחק — **איצכאָק**
ירושלים — **יערושאַלאַאים**
ישיבה — **יעשיווע**

כדי — **קעדיי**
כוח — **קויעך**
כוחות — **קויכעס**
כישוף — **קישעף**
כלומרשט — **קלוימערשט**
כלבא שבוע — **קאַלבאַ שעוואַ**
כלה — **קאַלע**
כסדר — **קעסיידער**
כפר תבור — **קפאַר טאַווער**

לבנה — **לעוואָנע**
לכבוד — **לעקאָוועד**
למשל — **לעמאָשל**

מדבר — **מידבער**
מדינה — **מעדינע**
מדינות — **מעדינעס**
מוקדון — **מוקדען**
מורא — **מוירע**
מזרח — **מיזרעך**
מחיה — **מעכאַיע**
מכבד — **מעכאַבעד**
מלחמה — **מילכאָמע**
מעשה — **מאַיסע**
מערב — **מיירעוו**
מצרים — **מיצראַאים**
משה — **מוישע**
מתנה — **מאַטאָנע**
מתנות — **מאַטאָנעס**

סוד — **סאָד**
סודות — **סוידעס**
סוף — **סאָף**
סוף־כל־סוף — **סאָף־קאָל־סאָף**

עופהלע — **אייפּעלע**
עצה — **אייצע**
עצות — **אייצעס**
עקיבא — **אַקיווע**
עקשנים — **אַקשאָנים**

פּאַרחידושט — **פּאַרכידעשט**
פּאַרחלומט — **פּאַרכאָלעמט**
פּאַרכישופט — **פּאַרקישעפט**

פנקס — **פּינקעס**
פסח — **פּייסעך**
פרעה — **פּאַרע**
פרץ — **פּערעץ**

צפון — **צאָפן**

קול — **קאָל**

קולות — **קוילעס**
קורח — **קוירעך**

רב — **רעב**
רבי — **רעבע**
רחל — **ראָכל**

שכן — **שאָכן**
שכנטע — **שאָכנטע**
שכנים — **שכיינים**
שליח — **שעליעך**
שליחים — **שליכים**
שלום — **שאָלעם**
שמחה — **סימכע**
שעה — **שאָ**
שפע — **שעפע**
שרפה — **סרייפע**

תלמיד — **טאָלמיד**
תלמידים — **טאָלמידים**
תנא — **טאַנע**
תפיסה — **טפיסע**